# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

נצו"י (סליחות)

מכון באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

ענגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

מכון באר האמונה

ארה"ב: Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

באה"ק:
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
© 2026 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת נצבים-וילך - סליחות


קרוב אליך הדבר - וואָס נידעריגער דער מענטש איז, אַלץ חשוב'ער איז ער ווען ער טוט תשובה..........ד

הנותן בים דרך - יעדער ווייסט אין וועלכע זאַך ער דאַרף זיך שטאַרקן..........ח

במוצאי מנוחה - די געהויבענע טעג פון סליחות, ספּעציעל דער ערשטער טאָג..........י

דלתיך דפקנו - הייליגע באַשעפער, ס'איז אַ מצב פון 'פיקוח נפש'!..........יג

תמכתי יתידותי - די סגולה פון זאָגן די י"ג מידות של רחמים..........טז

יכולה היא שתרחם - דער שבת איז בכח מעורר צו זיין מדת הרחמים אויפ'ן מענטש..........יז


**ספה"ק בת עין**

**אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כּוּלְּכֶם וְגוֹ'. .. הִנֵּה עִיקַּר הַדָּבָר הַמֵּבִיא אֶת הָאָדָם שֶׁיּוּכַל לַעֲמוֹד לִפְנֵי הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא לְהִתְפַּלֵּל וּלְבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ עַל בָּנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי בַּיָּמִים הַנּוֹרָאִים הַלָּלוּ** די עיקר זאַך מיט וואס א מענטש קען זיך שטעלן שטעלן דאוועגען פארן באשעפער און אים בעטן אויף בָּנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי אין די דאזיגע יָמִים הַנּוֹרָאִים, **הוּא עַל יְדֵי בְּחִינַת עֲנָוָה אֲמִיתִּית** איז דורך א אמת'ע מידה פון ענוה. **הַיְינוּ כְּשֶׁמִּתְבּוֹנֵן בְּשִׂכְלוֹ שִׁפְלוּת עַצְמוֹ** דאס מיינט ווען א מענטש טראכט אריין אין זיין שכל ווי ווייניג ער איז ווערד, **בְּהַאיךְ אַנְפִּין יָקוּם קֳדָם מַלְכָּא לְבַקֵּשׁ עַל נַפְשׁוֹ** און מיט וואס פארא פנים קען ער זיך שטעלן פארן באשעפער צו בעטן אויף זיין לעבן, **רַק עַל יְדֵי שֶׁהוּא אֶרֶךְ אַפַּיִם אַף לָרְשָׁעִים** און נאר דורך דעם וואס דער מענטש טראכט אריין אז דער באשעפער איז דאך אויך א 'אֶרֶךְ אַפַּיִם' (האלט איין זיין צארן) אויך פאר די רשעים, **זֶה הַבְּחִינָה גּוֹרֶמֶת שֶׁיּוּכַל לַעֲמוֹד וּלְבַקֵּשׁ עַל נַפְשׁוֹ מִבּוֹרֵא עוֹלָמִים בָּרוּךְ הוּא בַּיָּמִים הַנּוֹרָאִים הָאֵלּוּ** די בְּחִינָה איז די גורם אז דער מענטש זאל זיך קענען שטעלן און בעטן אויף זיין לעבן פונעם באשעפער אין די דאזיגע יָמִים הַנּוֹרָאִים.

**וְעִיקַּר הַסִּיבָּה לָזֶה שֶׁהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא מַאֲרִיךְ אַף הוּא בְּחִינַת עֲנָוָה כַּנַּ"ל** און די עיקר זאך פארוואס דער אייבישטער טוט איינהאלטן זיין צארן איז צוליב די מידה פון ענוה ווי אויבענדערמאנט, **שֶׁתֵּיבַת 'עֲנָוָה' גִּימַטְרִיָּא 'אַפַּיִם'** ווייל די ווארט 'עֲנָוָה' איז גִּימַ' 'אַפַּיִם', **מְרַמֵּז שֶׁעַל יְדֵי שֶׁמִּתְבּוֹנֵן שֶׁמִּצַּד מַעֲשָׂיו אֵינוֹ רָאוּי לִכְלוּם** דאס איז מרמז אז דורכדעם וואס דער מענטש טראכט אז מיט אלע זיינע מעשים איז ער נישט ווערד גארנישט, **וְיֵשׁ לוֹ גּוֹדֶל בּוּשָׁה וְהַכְנָעָה אֲפִילּוּ לִפְתּוֹחַ פִּיו לְבַקֵּשׁ עַל נַפְשׁוֹ** און ער האט א גרויסע בושה און אונטערטעניגקייט אפילו אויפצומאכן זיין מויל צו בעטן אויף זיין לעבן. **זֶה הוּא הַגּוֹרֵם לְמִדַּת אֶרֶךְ אַפַּיִם** דאס איז די גורם צו די מידה פון אֶרֶךְ אַפַּיִם, **שֶׁה' יִתְבָּרֵךְ מַאֲרִיךְ לוֹ אַפּוֹ** אז דער באשעפער זאל אים פארלענגערן זיין צארן, **וּמַשְׁפִּיעַ לוֹ לְעֵת עַתָּה חֶסֶד וְרַחֲמִים מִמְּקוֹר הַחֶסֶד** און דער באשעפער איז משפיע יעצט חֶסֶד וְרַחֲמִים פון די מקור החסד, **עַד שֶׁזּוֹכֶה לִתְשׁוּבָה אֲמִיתִּית** ביז ער איז זוכה צו טאהן תשובה באמת.

**וְהִנֵּה בְּמִזְמוֹר 'לְדָוִד ה' אוֹרִי' וְגוֹ'** (תהלים כז) **יֵשׁ בּוֹ י"ג פְּעָמִים שֵׁם הָעֶצֶם בָּרוּךְ הוּא** אין די קאפיטל פון לדוד ה' אורי ווערט דערמאנט 13 מאל די שם הוי"ה, **כְּנֶגֶד י"ג מְכִילִין דְּרַחֲמֵי** קעגן די דרייצן מידות הרחמים, **וְשֵׁם הַחֲמִישִׁי מִמִּזְמוֹר הַנַּ"ל הוּא 'בְּנוֹעַם ה'"**, און די פינפטע מאל ווי עס ווערט דערמאנט די שם הוי"ה איז עס ביי די ווערטער פון לַחֲזוֹת בְּנֹעַם הוי"ה, **וְהוּא מְרַמֵּז עַל מִדָּה הַחֲמִישִׁית שֶׁהוּא מִדַּת אַפַּיִם** און דאס איז מרמז אויף די פינפטע מידה וואס איזה די מידה פון אֶרֶךְ אַפַּיִם, **שֶׁבְּזֶה הַבְּחִינָה יוּכַל לְהִתְיַיצֵּב בְּיוֹם רֹאשׁ הַשָּׁנָה לִפְנֵי בּוֹרֵא עוֹלָמִים בָּרוּךְ הוּא לְבַקֵּשׁ עַל נַפְשׁוֹ** וואס מיט די בחינה קען זיך דער מענטש שטעלן פארן באשעפער בעטן אויף זיין לעבן.

**... וְזֶהוּ 'אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם' זֶה רֹאשׁ הַשָּׁנָה** און דאס מיינט די פסוק עט'ס שטייטס הייַנט אין ר"ה, **הַיְינוּ שֶׁבְּיוֹם רֹאשׁ הַשָּׁנָה עִיקַּר הַבְּחִינָה לְהִתְיַצֵּב כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹהֵיכֶם לְבַקֵּשׁ עַל הַשְׁפָּעַת חֶסֶד וְרַחֲמִים מִמְּקוֹר הַחֶסֶד** ד"מ אז אינעם טאג פון ר"ה איז די עיקר בחינה עט'ס זאלט זיך אלע שטעלן פארן אייבערשטן די באשעפער צו בעטן אויף השפעות פון חסד ורחמים פון די מקור החסד. **הוּא עַל יְדֵי בְּחִינַת 'נִצָּבִים'** און דאס איז דורך די בחינה פון 'נִצָּבִים', **גִּימַטְרִיָּא 'נוֹעַם הֲוָיָ"ה'** וואס די ווארט 'נִצָּבִים' איז בגימ' 'נוֹעַם הֲוָיָ"ה', **שֶׁמְּרַמֵּז עַל מִדָּה חֲמִישִׁית שֶׁהוּא אֶרֶךְ אַפַּ"ם** וואס די ווערטער 'נוֹעַם הֲוָיָ"ה' איז מרמז אויף די פינפטע מידה פון י"ג מידות הרחמים אֶרֶךְ אַפַּ"ם. **הַיְינוּ שֶׁעִיקַּר הַפִּתְחוֹן פֶּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ לְהִתְיַצֵּב וּלְבַקֵּשׁ עַל נַפְשׁוֹ הוּא רַק עַל שֶׁהוּא אֶרֶךְ אַפַּ"ם אַף לָרְשָׁעִים** ד"מ אז די עיקר טענה וואס א מענטש קען זיך שטעלן און בעטן אויף זיין לעבן איז נאר צוליב וואס דער באשעפער איז א אֶרֶךְ אַפַּ"ם, **וְלֹא מִצַּד מַעֲשָׂיו וּזְכוּתוֹ** און נישט צוליב זיינע אייגענע מעשים און זכותים, **וְזֶה הוּא רַק עַל יְדֵי מִדַּת עֲנָוָה וְשִׁפְלוּת בֶּאֱמֶת** און דאס איז נאר דורך די מידה פון ענוה און זיך קליינהאלטן באמת, **שֶׁגּוֹרֵם לְהַמְשָׁכַת מִדָּה זוֹ** וואס דאס איז גורם צו ממשיך זיין די מידה פון ארך אפים. **יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לָזֶה אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.**

**(פרשת נצבים ד"ה אתם נצבים)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: א.י.ש. אשדוד

# נצבים-וילך - סליחות

**קרוב אליך הדבר - וואָס נידעריגער דער מענטש איז, אַלץ חשוב'ער איז ער ווען ער טוט תשובה**

**די** פסוקים אין דער פרשה פון דער היינטיגער וואָך, זענען ממש 'מענינא דיומא', ווייל עס איז דאָך די צייט פון תשובה[א], און דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (ל, ב-ח) 'ושבת עד ה' אלוקיך וגו', ומל ה' אלוקיך את לבבך ואת לבב זרעך וגו', ואתה תשוב ושמעת בקול ה' אלוקיך'.

**די** גרויסע מעלה פון תשובה, קען מען זען פון די ווערטער פון 'שפת אמת' (נצבים תרל"ט, ד"ה 'בפסוק'), אויפ'ן פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה (כט, ט) 'אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלוקיכם', זאָגט דער 'שפת אמת', די אידן זענען דאָך נכשל געוואָרן מיט'ן חטא העגל, און אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'אתם' נצבים לפני ה' אלקיכם. דייקא איר שטייט היינט פאַר דעם אויבערשטען, ווייל חז"ל זאָגן (ברכות לג:) 'במקום שבעלי תשובה עומדין, אין צדיקים גמורים יכולין לעמוד'. וועגן דעם האָט משה רבינו ע"ה געזאָגט 'אתם', ווייל ער האָט זיך אַרויסגענומען פונעם כלל, אַז נאָר ענק, וואָס ענק זענען אין גדר פון 'בעלי תשובה', זענטס זוכה צו שטיין פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא, און נישט איך, ווייל איך האָב דאָך נישט געהאַט קיין שייכות מיט'ן חטא העגל, און דורך די תשובה האָבן די אידן זוכה געווען צו אַזאַ וואונדערליכע מדריגה, צו שטיין פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא, מער ווי משה רבינו ע"ה.

**זאָגט** דער 'שפת אמת' ווייטער, אַז דאָס אַלעם איז אַ הכנה פאַר אונזערע קומענדיגע און נידריגע דורות, אונז צו לערנען ווי גרויס ס'איז דער כח פון תשובה[ב].

**אַ** איד טאָר זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין פון תשובה, צו זאָגן אַז זיינע עבירות זענען אַזויפיל און גרויס ה' ירחם, און אַז די טויערן פון תשובה זענען חלילה פאַרמאַכט פאַר אים, און ער האָט ח"ו נישט קיין האָפענונג זיך צו קענען נאָך אַמאָל דערנענטערן צום באַשעפער. אַזאַ געדאַנק איז אַ געפערליכער טעות, ווייל באמת קען יעדער איד, אין יעדן מצב און וועלכן ער

**א.** לויט דעם זאָגט דער 'לבוש' (סי' תכח, סק"ד) אַז דאס איז דער טעם פאַרוואָס עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (סי' תכח, ס"ד) אַז מ'לייענט די פרשה פון 'אתם נצבים' אין דעם שבת פאַר ראש השנה, ווייל אין דער פרשה ווערן אַסאַך אַרומגערעדט די ענינים פון תשובה, און עס איז די צייט תשובה צו טוהן, פאַר'ן יום הדין הבא עלינו לטובה.

**ב.** דער סלאנימער רבי, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע, האָט געזאָגט אויף די ווערטער פון דער גמרא (ברכות לד:) 'במקום שבעלי תשובה עומדין, צדיקים גמורים אינם עומדין', אַז עס איז נישט קיין חידוש צו מאַכן אַ צירינג פון גאָלד און זילבער. אַ חידוש און חכמה איז צו פאַרוואַנדלען אַ צעריסן שטיקל סחורה, צו אַ שיינע צירינג. דאָס זעלבע איז ברוחניות, **וואָס נידעריגער דער מענטש איז, אַלץ חשוב'ער איז ער ווען ער טוט תשובה צום באַשעפער.**

**מן הבאר**

דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע זאָגט (פ' שופטים, ד"ה 'ואם ירחיב'), אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (ל, ה) 'והיטיבך והרבך מאבותיך'. דער פסוק איז דאָך געזאָגט געוואָרן אויף די צייט ווען מ'וועט תשובה טוהן, און מיר ווייסן דאָך אַז בעלי תשובה זענען אין אַ העכערע מדריגה ווי די צדיקים גמורים, דעריבער זאָגט דער פסוק, 'והיטיבך והרבך מאבותיך', ווייל די אבות הקדושים זענען **נאָר** געווען א בחינה פון 'צדיקים גמורים', אָבער די אידן זענען 'בעלי תשובה', און **ממילא שטייען זיי אויף אַ העכערע מדריגה פון די אבות**. 'ואלמלי מקרא שכתוב אי אפשר לאמרו'...

זאָל זיך נאָר נישט געפונען, ווערן באַהאַפטן און צוגעבונדן צו דעם אויבערשטען[ג], ווייל ער האָט אַ 'נקודה פנימית'

**ג.** אין תל-אביב האָט געוואוינט אַ גערער חסיד, ר' יוסף פאַלעך ע"ה, וועלכער האָט בשליחות פון הרה"ק בעל "לב שמחה" זצ"ל אויפגעטוהן גאָר אַסאַך פאַר אידישקייט אין תל-אביב. ער פלעגט פאָרלערנען שיעורים פאַר אידן אין אַ ישיבה וואָס ער געגרינדעט אין צפון תל-אביב.

שבת שובה תשס"ט איז ר' יוסף פאַלעך נפטר געוואָרן, און אין דער וואָך פון שבעה איז געקומען אַ איד, און האָט דערציילט פאַר ר' יוסף'ס קינדער, די פאָלגענדע געשיכטע:

- אייער טאַטע, ר' יוסף, פלעגט יעדן טאָג פאָרלערנען דעם שיעור, חק ולא יעבור. נישט קיין חילוק וואס עס איז געווען, איז אלעמאל ר' יוסף געווען גרייט צום שיעור, אויך אויב עס איז געווען גאר א שווערע וועטער. אַמאָל איז געווען גאָר אַ שווערער וועטער, און ר' יוסף איז געגאַנגען מיט מסירות נפש פאָרלערנען דעם שיעור, אָבער ער האָט געטראָפן נאָר איין איד. גייט ר' יוסף אַרויס אינדרויסן זוכן אידן וועמען מ'קען אַריינרופן צום לערנען, אָבער אין יענע געגענט - וואו עס דרייען זיך נישט צופיל אידן מיט רבינו תם'ס תפילין, און אויך נישט מיט רש"י'ס תפילין ... איז נישט לייכט געווען צו טרעפן אַ איד וואָס זאָל וועלן קומען לערנען. אַזוי האָט ר' יוסף זיך געוואָנדן צו איין איד, און צו נאָך אַ איד, אָבער אַלע האָבן זיך אויסגעלאַכט דערפון.

איז ר' יוסף אַרויפגעגאַנגען אין אַ בנין קעגנאיבער, און אָנגעקלאַפּט אויף די טיר פון איין דירה. ווען יענער האָט נישט געענטפערט, איז ר' יוסף צוריק אַרויס אויף דער גאַס. ווען ער האָט אָבער ווייטער נישט געפונען קיינעם וואָס זאָל וועלן קומען לערנען, איז ר' יוסף פאַלעך ווידעראַמאָל אַרויפגעגאַנגען און אָנגעקלאַפּט אויף דער טיר פון דער זעלבער דירה, און ווען קיינער האָט נישט געעפנט, האָט ר' יוסף געקלאַפּט שטאַרקער, און נאָך שטאַרקער, ביז עמיצער האָט געעפנט די טיר. דער איד האָט אויסגעזעהן מאוימ'דיג, און אויף זיין פראַגע צו ר' יוסף וואָס ער וויל, האָט ר' יוסף געזאָגט, אַז אין די ישיבה קעגנאיבער ווערט פאָרגעלערנט אַ שיעור אין גמרא.

פרעגט דער איד ר' יוסף'ן: 'ווער האָט דיך אַהער געשיקט?!' זאָגט ר' יוסף, ס'איז דאָ אַ שיעור אין גמרא אין ישיבה, אפשר ווילסטו קומען לערנען?... פרעגט דער איד ווייטער מיט כעס: 'ווער האָט דיך אַהער געשיקט? און אַזוי האָט זיך עס איבערגע'חזר'ט עטליכע מאָל, ביז דער איד האָט אים אַריינגעשלעפּט אין די דירה, און פאַרשפּאַרט די טיר. דער איד פרעגט אים ווידער, ווער האָט דיך אַהער געשיקט? איך גיב דיר דריי מינוט צייט צו ענטפערן... נאָך דריי מינוט, קומט דער איד און פירט אים אַריין אין אַ צימער, און ער ווייזט אים ווי אַ שטריק הענגט אַראָפּ פון דאַך. דאַן זאָגט ער אים:

- הער זיך איין, איך בין צעקריגט מיט מיינע עלטערן שוין פערציג יאָר, און איך וואוין דאָ אַליין אין דער דירה, און קיינער האָט נאָך נישט געקלאַפּט אויף מיין טיר אין לויף פון די אַלע יאָרן (קיין גבאי צדקה דרייען זיך נישט אין יענע געגענט...). איך שפיר נישט אַ טעם אין לעבן, נישט בגשמיות און נישט ברוחניות. היינט האָב איך צוגעגרייט דעם שטריק, צו זיך נעמען דאָס לעבן רח"ל. איך דריי זיך שוין דאָ צוויי שעה, און איך האָב געבעטן ביי דעם אויבערשטען, אויב ס'איז דאָ אַ ג-ט אויף דער וועלט, ווייז מיר כאָטש אַ צייכן פון לעבן. און דאָ, פּלוצלינג, האָסטו געקלאַפּט אויף דער טיר, און איך האָב שוין געהאַנגען אויפ'ן שטריק, און ווען איך האָב געהערט קלאַפּן, בין איך צוגעלאָפן צו די טיר, אָבער ביז איך בין צוגעקומען צו די טיר, ביזטו שוין נישט געווען, האָב איך זיך ווייטער צוגעבונדן צום שטריק, אָבער איך האָב ווייטער געבעטן דעם באַשעפער, אויב ס'איז דאָ אַ ג-ט אויף דער וועלט, ווייז מיר עפּעס אַן אות חיים. אָבער אין דער לעצטער מינוט, האָסטו ווייטער געקלאַפּט אויף דער טיר...

פון דעם האָט דער איד געזען אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט, ער איז געוואָרן אַ בעל תשובה, און היינט איז ער אַן ערליכער איד. דאָס אַלעס האָט דער בעל המעשה אליין דערציילט פאַר די קינדער פון רבי יוסף פאַלעך ז"ל, וואָס אַדאַנק אים האָט ער זיך אומגעקערט צום באַשעפער.

זעט פון דעם אַ מוסר השכל, דער מענטש מיינט, איך טוה גאָרנישט, ווער איז יאָ דאָ ביים שיעור, און ווער נישט, אָבער דער גרעסטער לימוד דערפון איז, **אַ אַפילו אַזאַ פושע ישראל, אַן אוכל נבילות וטריפות, וואָס האָט זיך געפונען בשפל המצב, אָבער אַז ער האָט געשריגן צום באַשעפער, רבונו של עולם, ווייז מיר אַ צייכן פון לעבן, האט דער בוכ"ע אים געהערט**, און דאן איז דער 'לעבנס-צייכן' געקומען אין דער געשטאַלט פון ר' יוסף פאַלעך ע"ה.

- אַן אינוויינגסטן 'פינטל' - וואָס איז הייליג, און דורך אט דעם 'פינטל', איז ער באַהאָפטן מיט דיקע שטריק צום באַשעפער, און אויף דעם זאָגט דער פסוק (דברים לב, ט) 'יעקב חבל נחלתו', אַז כביכול אַלע אידן זענען צוגעבונדן מיט אַ 'שטריק' צו דעם אויבערשטען ברוך הוא[ד].

**לויט** דעם האָבן צדיקים געטייטשט (זע 'מי השילוח', 'פרי צדיק', ועוד), דעם פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה (כט, ט) 'אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלוקיכם', אין יעדן מצב וואָס איר זענט נאָר, שטייט איר פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא.

**אַזוי** האָבן צדיקים אויך געטייטשט דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ל, ד) 'אם יהיה נדחך בקצה השמים משם יקבצך ה' אלוקיך ומשם יקחך', אַז אויך אויב דער מענטש וועט אַזוי פיל זינדיגן ח"ו אַז ער וועט זיין 'נדחך בקצה השמים' - פאַרשטויסן 'אין יענעם עק פונעם הימל'. 'משם' - פון יענע 'נקודה פנימית', 'יקבצך ה' אלוקיך' - וועט דיך דער אויבערשטער נעמען צו זיך, ווייל דער ליבער טאַטע האָט אייביג רחמנות אויף זיינע קינדער[ה].

**אַזוי** זאָגט אויך דער פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ל, יב) 'כי המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום

---

**ד.** אויף דעם פסוק אָנהייב פרשה, 'מחוצב עצך', זאָגט רש"י, אַז די כנעניים זענען זיך געקומען מגייר זיין אין די צייטן פון משה רבינו ע"ה, און משה האָט זיי געמאַכט פאַר האָלץ-העקער אין וואַסער-טרעגער. זעט מען אַז 'חוטב עצך' און 'שואב מימך', מיינט מען די כנעניים. דאַרף מען פאַרשטיין, פון וואו נעמט רש"י ז"ל אַז דער פסוק רעדט נישט בפשטות, וועגן אידישע האָלץ-העקער און וואַסער-טרעגער?

ענטפערט הגה"צ רבי נתן געשטעטנער זצ"ל (אין זיין ספר 'להורות נתן'), אַז אַ איד ווערט זיין נאָמען קיינמאָל נישט געטוישט פון אַן 'איש ישראל', צו אַ 'חוב עצים', און 'שואב מים'... אויך אויב עס איז נגזר געוואָרן אויף אים אַז דאָס זאָל זיין די פרנסה פון וועלכע ער וועט שפייזן זיך מיט זיין גאַנצע משפחה, **אָבער ער בלייבט אַלץ אַ 'איד'..!** ממילא, איז על כרחך צו זאָגן אַז דער **פשוט'ער פשט** אין פסוק איז אַז מ'רעדט וועגן די כנעניים. און דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט נאָר וועגן אַרבעט, נאָר עס לערנט אונז אַז **אין יעדן מצב** וואָס אַ מענטש זאָל זיך נאָר נישט געפינען, האָט דער איד ווייטער דעם נאָמען 'איד', ווי חז"ל זאָגן, 'ישראל, אף על פי שחטא, ישראל הוא'...

צדיקים האָבן געזאָגט אַ מליצה ישרה פאַר אידישע קינדער, אַז דערפאַר לייענט מען דעם ערשטן טאָג ראש השנה, די פרשה פון 'וה' פקד את שרה', און דעם גאַנצן ענין וואָס שטייט ווייטער, מיט הגר און איר זון ישמעאל, ווייל דאָרט זאָגט דער פסוק (בראשית כא, כא) 'ותקח לו אמו אשה מארץ מצרים'. זאָגט רש"י, 'ממקום גידוליה, היינו דאמרי אינשי זרוק חוטרא לאוירא אעיקריה קאי' - אויב דו וועסט אַרויפוואַרפן אַ שטעקן אין דער לופט, וועט ער צוריקקומען צו זיין פריערדיגן אָרט, און דאָס זעלבע האָט פאַסירט מיט הגר, אַז כאָטש זי איז אַוועק פון איר פאָטער'ס הויז און איר געבורטס-לאַנד מצרים און איז געגאַנגען צו אברהם אבינו ע"ה, אָבער צום סוף, איז זי צוריקגעקומען צו איר אָריגינעלן ערשטן אָרט, מצרים.

אָט דאָס קומען מיר 'דערמאַנען' דעם אויבערשטען כביכול, **רבונו של עולם, אויך אויב דיינע ליבע אידישע קינדער האָבן חלילה געזינדיגט און זיך דערווייטערט פון דיר, אָבער נאָך אַלעמען, וועלן זיי זיך אומקערן צו זייער ערשטן מקור...**

דאָס איז אויך אַ לימוד פאַר יעדן איד וואָס פאַלט אַמאָל אַריין חלילה אין יאוש, 'זרוק חוטרא לאוירא איעקרא קאי'. אפילו אויב דו ביזט אַריבער פאַרשידענע וואַנדערונגען, אָבער בעצם בלייבסטו דער זעלבער איד, און דו ביזט נאָך אַלץ באַהאָפטן און צוגעבונדן אַזוי ווי פריער...

**ה.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, איז אַמאָל געפאָרן אין חודש אלול אַ ווייטן וועג. צווישן איין באַן און דער צווייטער באַן, האָט דער 'אמרי אמת' זיך אָפּגערעדט, זאָגנדיג: ביין מיין טאַטן (הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע), האָבן די ווענט פונעם הויז געציטערט אין די טעג פון חודש אלול, אָבער איך - 'אַ באַן אַרויף, אַ באַן אַראָפּ...' (זיין זון, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, האָט געזאָגט דערויף ('פני מנחם', ראה תשנ"ד), אַז באמת האָט מען אויך ביים 'אמרי אמת' געשפירט דעם פחד אין האַרץ און אין הויז, נאָר ער האָט עס געזאָגט נאָר צוליב זיין גרויסע עניוות.)

מ'האָט אַמאָל געפרעגט דעם גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל, פאַרוואָס מ'מאַכט ביי אייך אַזאַ גרויסן 'בער' פון חודש אלול. האָט רבי ישראל סאַלאַנטער געענטפערט: איר זענט גערעכט, עס איז טאַקע נישט אַזוי ווי אַ

לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא' וגו', לא בשמים היא' [וואס די ראשונים קריגן זיך וועגן וועלכע 'מצוה' דער פסוק רעדט דאָ. רש"י ז"ל און אַנדערע ראשונים זאָגן, אַז עס גייט אַרויף אויף די גאַנצע תורה, און דער רמב"ן ז"ל האַלט אַז דער פסוק רעדט דאָ וועגן די מצוה פון תשובה, וואָס פון תשובה רעדט דער פסוק פריער. אַלעפאַלס, איז דאָך די מצוה פון תשובה זיכער אין דעם כלל פון 'כי המצוה הזאת'], און חז"ל זאָגן 'הבא ליטהר מסייעין לו'. אויב דער מענטש טוט אַלעס וואָס איז אין זיינע מעגליכקייטן, העלפט מען אים פון הימל אַז זיין תשובה זאָל זיין בשלימות[ז].

**אויפ'ן** פסוק אין דער היינטיגער סדרה (דברים ל, ו) ומל ה' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך, זאָגן די ספרים הקדושים, א'ת ל'בבך ו'את ל'בב איז ראשי תיבות אלו"ל. שרייבט דער 'ייטב לב' (עי' קצת מזה

---

בער, נאָר אַסאַך מער פון דעם... ווייל מיר זעען דאָך, אַז דוד המלך ע"ה האָט נישט מורא געהאַט פון א בער, נאָר ער האָט אים צעריסן מיט זיינע הענט, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שמואל א יז, לו) 'גם את הארי גם הדוב הכה עבדך', און פונדעסטוועגן, האָט דוד המלך געזאָגט (תהלים קיט, קכ) 'סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי', איך ציטער מיט פחד פונעם משפט.

ס'איז אָבער דאָ אַ חילוק צווישן דאָס אַנטלויפן פון אַ פאַרציקנדיגן בער, צום אַנטלויפן אין די טעג פון חודש אלול, ווייל פון אַ בער דערווייטערט מען זיך ווי ווייט מעגליך, אָבער **פון דעם פחד ה' טוט מען נישט אַנטלויפן און זיך דערווייטערן, נאָר מ'לויפט צו אים...** אַזוי ווי דער רמב"ם ז"ל שרייבט ('פירוש המשניות', ראש השנה פ"ה, ד"ה 'העובר'), אַז די טעג פון חודש אלול זענען 'טעג פון עבודה און הכנעה און פחד און מורא פון דעם אויבערשטען, **'ומברח ומנוס אליו' - מ'אַנטלויפט צו אים...**

**ו.** לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין וואָס דער פסוק זאָגט 'ולא רחוקה היא', תשובה איז דאָך גאָר אַ שווערע עבודה.

נאָר וואָס דען, דער פסוק זאָגט נישט אַז עס איז **'לייכט'** תשובה צו טוהן, נאָר 'כי **קרוב** אליך הדבר מאוד', ס'איז **'נאָנט'** צו דיר. עס ווענדעט זיך נישט אין דער הילף פון אַנדערע מענטשן, נאָר ס'איז 'נאָנט' צו דעם מענטש, ווייל דער מענטש האָט אין זיך אַלע כוחות תשובה צו טוהן.

פון דער צווייטער זייט, דאַרף מען אָבער וויסן, אַז מ'קען זיך נישט פאַרלאָזן אויף אַנדערע זיי זאָלן אַרבעטן פאַר אים... נאָר דער מענטש דאַרף אַליין קעמפן תשובה צו טוהן, וויסנדיג אַז עס ווענדעט זיך נאָר אין אים אַליין.

דאָס איז די כוונה פון דעם וואָס עס ווערט דערציילט אין דער גמרא (ע"ז יז.) וועגן רבי אלעזר בן דורדיא, אַז ווען ער האָט געוואָלט תשובה טוהן, איז ער געאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט צווישן צוויי בערג און טאָלן, און געזאָגט, 'הרים וגבעות, בקשו עלי רחמים'. האָבן די בערג און טאָלן אים געזאָגט, ווי איידער צו בעטן פאַר דיר, וועלן מיר בעטן פאַר זיך אַליין. דאַן האָט ער געבעטן פון די הימל און ערד זיי זאָלן בעטן פאַר אים רחמים, און אויך זיי האָבן אים געענטפערט, ווי איידער מיר זאָלן בעטן פאַר דיר רחמים, וועלן מיר בעטן פאַר זיך רחמים. האָט רבי אלעזר בן דורדיא געזאָגט, אויב אַזוי, זע איך אַז עס ווענדעט זיך נאָר אין מיר. האָט ער געלייגט זיין קאָפּ צווישן זיינע קני און ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין ביז ער איז אויסגעגאַנגען. איז אַרויס אַ 'בת קול' פון הימל און אויסגערופן אַז **רבי** אלעזר בן דורדיא איז מזומן צו עולם הבא. פירט די גמרא אויס, דאַן האָט רבי געוויינט און געזאָגט, 'יש קונה עולמו בכמה שנים, ויש קונה עולמו בשעה אחת', און אויך האָט רבי געזאָגט, אַז נישט בלויז טוט מען אננעמען די תשובה פון בעלי תשובה, נאָר מ'רופט זיי אָן 'רבי'.

פרעגן די מפרשים, פאַרוואָס טאַקע ווערט אַ בעל תשובה אָנגערופן 'רבי'? דאָס איז דאָך אַ טיטל וואָס געהערט געוועגליך צו איינעם וואָס איז אַ מלמד און אַ מורה דרך, און וואָס האָט רבי אלעזר בן דורדיא אונז אויסגעלערנט, אַז ער זאָל צוליב דעם אָנגערופן ווערן מיט'ן טיטל 'רבי'? איז דער תירוץ, אַז מיר האָבן געלערנט פון רבי אלעזר בן דורדיא אַ גרויסן יסוד, אַז 'אין הדבר תלוי אלא בי' - אַלעס ווענדעט זיך נאָר אין מיר אַליין. צוליב דעם אַליין, פאַרדינט ער אָנגערופן צו ווערן 'רבי'.

**ז.** אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ל, יב) 'לא בשמים היא', זאָגט רש"י, אַז אויב די תורה וואָלט געווען אין הימל, וואָלט מען געדאַרפט אַרויפגיין צו איר און עס לערנען. איז שווער, ווי אַזוי איז שייך אַרויפצוגיין צום הימל? איז דען דאָ אַ גרויסער לייטער וואָס דערגרייכט ביז צום הימל...

בספה"ק ייטב פנים, שירת דודי, אות יט), אַז אלו"ל איז אויך ראשי תיבות א'הוב ל'מעלה ו'נחמד ל'מטה (ברכות יז.). און דער לימוד דערפון איז, אַז אויב עס וועט זיין 'ומל ה"א את לבבך ואת לבב זרעך', דו און דיינע קינדער וועלן זיך דערנענטערן צום אויבערשטען אין חודש אלול, דאן ביזטו אַן 'אהוב למעלה ונחמד למטה'. אָבער אויב ביי דיר זענען די ראשי תיבות פון אלו"ל הכבדתי א'ת ל'בו ו'את ל'ב (שמות י, א), דעמאָלס איז אלו"ל ראשי תיבות א'וי ל'ו ו'אוי ל'נפשו, ח"ו[ח].

### הנותן בים דרך - יעדער ווייסט אין וועלכע זאַך ער דאַרף זיך שטאַרקן

**יעצט** ווען ס'איז דער זמן פון תשובה, דאַרף מען געדענקען, אַז א מענטש איז אייביג בכח תשובה

---

ענטפערט דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, אַז רש"י קומט אונז לערנען דאָ אַ גרויסן כלל און עיקר, אַז דער מענטש דאַרף טוהן אַלעס וואָס ער קען טוהן, און דערנאָך העלפט מען אים פון הימל, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים נז, ג) 'לא-ל גומר עלי'. ממילא, אויב די תורה וואָלט געווען אין הימל, וואָלט דער מענטש געדאַרפט אַרויפגיין אויף דעם העכסטן לייטער וואָס ס'איז פאַרהאַנען און דעמאָלס וואָלט מען אים געהאָלפן פון הימל אָנצוקומען ביז צום הימל...

**ח.** ווען הרה"ק מ'סאטמאר זצ"ל האָט עס נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין זיידן דער 'ייטב לב', האָט ער שטאַרק געוויינט דערביי. ער האָט מסביר געווען מיט א משל, אַ קעניג פלעגט שפּאַצירן אין זיין געבורטסטאָג איבער'ן לאַנד, און אַלע מענטשן פונעם לאַנד האָבן געקענט אַריינוואַרפן אַ צעטל אינעם קעניג'ס קאַרעטע, און זייער בקשה איז ערפילט געוואָרן.

האָט פּאַסירט, אַז איינער האָט אַריינגעוואָפן אַ צעטל מיט זיין בקשה אין קעניג'ס קאַרעטע, אָבער דער קעניג האָט נישט ערפילט זיין בקשה. האָט ער צוגעוואַרט ביז'ן קומענדיגן יאָר, און ווען דער קעניג איז דורכגעפאָרן אין זיין געבורטסטאָג, האָט דער מענטש נאָך אַמאָל אַריינגעוואָרפן דאָס צעטל מיט זיין בקשה, אָבער צו זיין האַרץ ווייטאָג, איז זיין בקשה אויך דאָס מאָל נישט ערפילט געוואָרן.

שפּעטער איז ער דערגאַנגען דעם סוד דערפון: דעם קעניג'ס נאָנטע ראַטגעבער זענען געווען זיינע שונאים, און יעדעס מאָל ווען ער האָט אַריינגעוואָרפן זיין צעטל פאַר'ן קעניג, האָבן זיינע שונאים אים באַרעדט און געזאָגט פאַר'ן קעניג ער זאָל נישט נאָכקומען זיין פאַרלאַנג.

האָט דער מענטש זיך באַרעכנט, מער נישט אַריינצוּוואַרפן זיין בקשה אין קעניג'ס קאַרעטע אינעם קעניג'ס געבורטסטאָג, נאָר ער וועט אַראָפּפאָרן אין קעניגליכן פּאַלאַץ, און רעדן מיט'ן קעניג 'צווישן פיר אויגן'...

און דער סאַטמאַרער רב זי"ע האָט אויסגעפירט מיט בכיות:

- דער מענטש וואַרט אויף ראש השנה, ווען די מקטריגים שטייען און זענען מקטרג ח"ו, אַז מ'זאָל אַפילו נישט קענען נעמען אַ שופר אין די הענט ח"ו. **איז דאָך בעסער תשובה צו טוהן אין חודש אלול, חודש הרחמים, ווען די מקטריגים דרייען זיך נאָך נישט אין קעניגליכן פּאַלאַץ.**

דער מעזריטשער מגיד זי"ע האָט געהאַט אַ תלמיד, דער בעל תשובה הרה"ק רבי אהרן דאָקטאָר גאַרדי זצ"ל. ווי באַקאַנט, האָט דער מגיד געליטן פון אַ שטאַרקע חולשה ל"ע אויף זיינע פיס, און רבי אהרן פלעגט באַהאַנדלען דעם הייליגן מגיד צו לינדערן זיינע יסורים. אַמאָל האָט רבי אהרן געזאָגט צום מגיד, 'איך וועל אויסהיילן דעם רבינ'ס פיס, און דער רבי זאָל אויסהיילן מיין נשמה!' האָט דער מגיד זיך גענומען אַרבעטן מיט אים, און רבי אהרן איז געוואָרן גאָר גרויס, כידוע. אַ צייט שפּעטער, האָט רבי אהרן זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ פאַר'ן מגיד, אַז די מחשבות פון די פריערדיגע צייטן לאָזן אים נישט צורוה. האָט דער מגיד אים דערציילט דאָס פאָלגענדע:

- אַ איד האָט פאַרמאָגט אַ קרעטשמע, וואו גוים פלעגן קומען טרינקען. לימים האָט ער זיך באַרעכנט, אַז עס איז נישט קיין תכלית דאָס הויז זאָל אויסזען אַזוי, גוים קומען דאָ טרינקען און מאַכן איבערקערענישן. אַלזאָ, ער האָט פאַרשפּאַרט די קרעטשמע, און געעפנט אַ געשעפט צו פאַרקויפן קליידער.

אַמאָל אינמיטן נאַכט זענען געקומען אַ גרופּע גוי'אישע שיכורים, און געוואָלט קויפן קאָניאַק... האָט דער געוועזענער קרעטשמער געזאָגט, אַז זיי האָבן געהאַט אַ טעות מיט'ן אַדרעס... דאָ איז שוין מער נישט קיין קרעטשמע, נאָר אַ קליידער-געשעפט...

און דער מגיד האָט אויסגעפירט צום דאָקטאָר גאַרדי:

צו טוהן, נאָר דער יצר הרע פּרובירט אָפּשוואַכן דעם מענטש מיט פאַרשידענע טענות אַז ער וועט סיי-ווי נישט מצליח זיין. מ'דאַרף זיך אָבער שטאַרקן אויפ'ן יצר הרע, און נישט אויסהערן זיינע טענות.

**דער** מענטש דאַרף זיך מאַכן אַ חשבון הנפש וואו ער דאַרף האָבן חיזוק[ט], און באמת, קען מען נישט זאָגן אַ כלל וואָס צו טוהן, נאָר יעדער מענטש ווייסט ביי וועלבע זאַכן ער דאַרף האָבן חיזוק, ווי דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע האָט געזאָגט, אַז יעדער איינער דאַרף טוהן אַלעס מעגליכעס נתעורר צו ווערן, יעדער איינער ביי זיינע זאַכן. ס'איז דאָ איינער וואָס 'צוברעכט דעם אייז' מיט אַ ניגון, און אַ צווייטער אויף אַן אַנדערן וועג. יעדער דאַרף זיך אָבער משתדל

---

- דאָס זעלבע זאָלסטו זאָגן פאַר דעם יצר הרע, ווען ער פייניגט דיך מיט די אַלטע מחשבות. **זאָג אים, אַז ער האָט זיך טועה געווען אינעם אַדרעס... איך בין שוין אַ נייער מענטש, כ'בין שוין נישט דער זעלבער ווי אַמאָל!**

מענין זה, האָט דערציילט הרה"צ רבי זלמן בריזעל זצ"ל, אַז איינער פון די נקיי הדעת שבירושלים איז אַמאָל אַריינגעפאַלן מיט איין פוס אין איינעם פון די גריבער אין ירושלים (וואו עס לויפט דער וואַסער קאַנאַל. אין יענעם פאַל, איז דאָס דעקל נישט געווען גוט אַרויפגעשטעלט צו פאַרדעקן דעם גרוב) און ער האָט דערנאָך געהאַט יסורים דערפון עטליכע וואָכן. שפּעטער האָט ער געזאָגט, אַז פון דאַן און ווייטער, ווען ער איז געגאַנגען אויף די גאַס, האָט ער זיך דערווייטערט פון די אַלע פאַרדעקטע גריבער... זאָגנדיג, אַז 'ס'איז גענוג אַריינצופאַלן איינמאָל'...

און רבי זלמן האָט צוגעלייגט: אַזוי טראַכט איך אויך וועגן די נשמה. **אַז מ'איז איינמאָל דורכגעפאַלן, דאַרף מען אַכטונג געבן צו אַנטלויפן פון דעם חטא, מ'זאָל נישט אַריינפאַלן נאָך אַמאָל ח"ו אינעם גרוב. 'ס'איז גענוג אַריינצופאַלן איינמאָל'...**

**ט.** דער באַקאַנטער ערליכער דאָקטאָר רבי משה וואַלאַך ז"ל (לאַנגיאָריגער פאַרוואַלטער פונעם 'שערי צדק' שפּיטאָל אין ירושלים) האָט אַמאָל געפרעגט דעם גאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל אב"ד ירושלים, פּשט אין די ווערטער פון חז"ל (קידושין פב.), 'טוב שברופאים לגיהנם'. האָט רבי יוסף חיים אים געענטפערט:

- ריכטיג טאַקע, קיינער קען דיר נישט ענטפערן דיין קשיא, אָבער דאַכט זיך מיר אַז דיר דאַרף מען עס נישט ערקלערן, ווייל נאָר דו פאַרשטייסט אַליין די כוונה דערפון...

מיט יאָרן צוריק, האָבן מיר אַמאָל באַקומען אַ בריוו פון דעם בעל העובדא, וואו ער שרייבט אונז צווישן אַנדערן, אַז ער גרייט זיך אַריינצוברענגען זיין זון בבריתו של אברהם אבינו ע"ה וואָס איז ביי אים געבוירן געוואָרן בשעטו"מ עטליכע יאָר נאָך די חתונה, און ער דערציילט אינעם בריוו, אַז במשך פון דער צייט איז ער געווען ביי פאַרשידענע דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן וואָס האָבן אים געזאָגט 'פה אחד', אַז לויט'ן דרך הטבע וועט ער נישט קענען האָבן קינדער, ה' ירחם.

ער שרייבט ווייטער אינעם בריוו, אַז ער און זיין בני בית זענען יאָרן לאַנג געווען צוגעבונדן צו די טמא'נע טעכנאָלאָגישע כלים [און חז"ל זאָגן שוין (סוטה ג:) 'כל העובר עבירה אחת בעולם הזה, מלפפתו והולכת לפניו ליום הדין, רבי אליעזר אומר, קשורה בו ככלב']. אַמאָל איז ער אַריינגעקומען אין שול און געעפענט דעם הייליגן ספר 'אגרא דפרקא', פון הרה"ק בעל 'בני יששכר' זי"ע (אות כד), און געזען וואָס ער ברענגט פון הייליגן זלאָטשובער מגיד הרה"ק רבי יחיאל מיכל זי"ע (יומא דהילולא, כ"ה אלול), **אַז ווען דער מענטש וויל פועל'ן אַ ישועה שלא כדרך הטבע, צום ביישפּיל, אויב ער קען בטבע נישט האָבן קינדער, זאָל ער טוהן אַ גרויסע מצוה העכער פון די טבע, און ער וועט פועל'ן אַ ישועה למעלה מדרך הטבע** (זע אויך אין זיין הייליגן ספר 'אגרא דכלה', אַנהייב פרשת פנחס). און וויבאַלד ער האָט געוואוסט אַז ער נויטיגט זיך אין אַ גרויסע ישועה למעלה מדרך הטבע צו האָבן קינדער, האָט ער באַשלאָסן יענע סעקונדע, אַז ער און זיין בני בית וועלן אַרויסוואַרפן די טמא'נע כלי פון שטוב. 'אומר ועושה', זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן די טמא'נע כלי משחית, און ביז אַ קורצע צייט זענען זיי געהאָלפן געוואָרן בדבר ישועה ורחמים.

דער בעל העובדא פירט אויס אין זיין בריוו, אַז פון דעם האָט ער געלערנט, ווען אַ מענטש דאַרף געהאָלפן ווערן מיט אַ ישועה, זוכט ער דאָך פאַרשידענע סאָרטן סגולות, און **דער אמת איז, אַז ער ווייסט דאָך גוט ביי זיך אין האַרץ וואָס דער אויבערשטער פאָדערט פון אים צו זיך שטאַרקן אויף זיינע נסיונות**, און ס'איז נישט אַ כלל גלייך ביי יעדן איינעם, נאָר יעדער איינער האָט זיין אייגענע 'מצוה גדולה שלא כדרך הטבע'. ער ווייסט גענוי וואָס ער דאַרף נעמען אויף זיך, און אויב ער טוט אַזוי, איז ער פאַרזיכערט אַז ער וועט זען ישועות און רפואות.

זיין און פרובירן צו ווערן נאָנט צו דעם אויבערשטען, 'רחמנא ליבא בעי'.

**דער** אריה"ק זי"ע זאָגט, אַז דער פסוק (ישעיה מג, טז) 'הנותן בים דרך', איז מרמז אויף חודש אלול, ווייל די טעג פון חודש אלול זענען ענליך צו אַ ים. פונקט אַזוי ווי אַ ים האָט נישט אַ באַשטימטן וועג אַדורכצוגיין דעם ים. טייל מענטשן שווימען אויפ'ן וואַסער, אַנדערע פאָרן מיט אַ שיף, און אַמאָל דאַרף מען אַראָפּלייגן דעם קאָפּ אין וואַסער ביז די כוואַליע וועט פאַרבייגיין, א.ד.ג. אַזוי דאַרף יעדער איינער אויספלאַסטערן פאַר זיך אַ וועג לויט ווי זיין האַרץ איז גענייגט, און 'לב יודע מרת נפשו', ביי וועלכע זאַכן ער דאַרף האָבן חיזוק, און וואָס עס זענען זיינע חסרונות וואָס ער דאַרף פאַררעכטן.

**דער** טאָהשער רבי זי"ע האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון צדיקים, אויפ'ן פסוק (משלי טו, כג) 'דבר בעתו מה טוב', אַז אין גוטע זמנים, איז אַפילו אַ קליינע קבלה ('מה') אויך 'גוט' פאַר דעם אויבערשטען.

**הרה"ק** בעל 'בית אהרן' זי"ע פון קאַרלין פלעגט זאָגן, אַז דער חילוק צווישן 'אפס' און 'עפּעס' איז דאָס 'פּינטעלע' אינעם אות פּ. אויך האָבן צדיקים געזאָגט, אַז דער חילוק צווישן 'יתַמו' און 'ימתו' איז דער פּינטל אינעם אות תּ, ווייל אַ קבלה - אַפילו אַ קליינע קבלה - טוט אָפּטיילן צווישן גאָרנישט און 'עפּעס', און אין אַזעלכע געהויבענע זמנים ווי יעצט, קען מען אַוודאי אויספירן וואָס מ'דאַרף.

**במוצאי מנוחה - די געהויבענע טעג פון סליחות, ספּעציעל דער ערשטער טאָג**

**הרה"ק** בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט, אויף די ווערטער פונעם נביא ישעיה (מב, יח) 'החרשים שמעו, והעוורים הביטו לראות' די טויבע מענטשן זאָלן מיך אויסהערן, און די בלינדע זאָלן קוקן, כדי מיך צו זען.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, ווי אַזוי קען אַ טויבער מענטש פּלוצלינג הערן מיט זיינע אויערן, און אַ בלינדער קען זען? איז דער תירוץ, אַז עס זענען דאָ צייטן וואָס זענען אַזוי געהויבן, אַז אַפילו אַ טויבער מענטש קען דעמאָלס הערן, און אַ בלינדער קען דעמאָלס זען[י]. ווען עס קומט 'שבת סליחות', קען מען זיך שוין נישט אַרויסדרייען און זאָגן 'שלום עלי נפשי', נאָר יעדער איינער דאַרף זיך גוט אָנכאַפּן אין דעם 'רעטונגס-ברעט' וואָס מ'גיט אים פון הימל דורך תשובה, תפילה, און צדקה, ווי דער פסוק זאָגט (מלאכי ג, ז) 'שובו אלי ואשובה אליכם'[יא]. (געברענגט אין 'שיח שרפי קודש', תשובה, אות טז)

**דער** 'לקט יושר' שרייבט (הל' תעניות, אות יב, ע' קיד) אַמאָל האָב איך געבעטן פון מיין רבי'ן, דער 'תרומת הדשן', ער זאָל מיר געבן אַ היתר צו עסן אין

---

**י.** דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט, אַז דער נביא שרייט צו אונז, זייט נישט טויב און בלינד, ווייל עס ליגט אין ענקער האַנט, נישט צו זיין טויב און בלינד!

**יא.** דער גאון רבי חיים בריסקער זצ"ל האָט געזאָגט אַ משל, אַ פּיפיגער סוחר האָט באַשלאָסן צו שמוגלען טייערע סחורה פון איין לאַנד צום אַנדערן. דער סדר פונעם שמוגלען איז, אַז מ'שמועסט זיך אָפּ מיט אַ 'בעל עגלה' א באשטימטע טאג און די פונקטליכע צייט וואָס איז געאייגנט צו שמוגלען (ביינאַכט, א.ד.ג.). דער סוחר טוט צוגרייטן די סחורה, און די גאַנצע צייט ביז צום שמוגלען, אויך אויב עס וועט נאָך דויערן צייטן ביז דעמאָלס, איז ער נערוועז און קען נישט שלאָפן ביינאַכט, ווייל די סחורה איז דאָך 'זיינע', און אך און ווי אויב מ'וועט אים כאַפּן... די גאַנצע סחורה, וואָס איז ווערט אַ 'הון תועפות', וועט קאָנפיסקירט ווערן דורך די גרעניץ-וועכטער, און ער אַליין וועט 'זיצן' אין אַ טיפן גרוב לאַנגע יאָרן ח"ו. דער בעל עגלה, ווידער, איז רואיגער, ער שלאָפט זיך גאַנץ רואיג, ווייל די סחורה איז דאָך נישט זיינע, און בכלל, איז ער דאָך שוין צוגעוואוינט דערצו, צו העלפן מענטשן אַריבערשמוגלען זייערע סחורות איבער די גרעניצן פון לאַנד. אָבער ווען עס דערנענטערט זיך שוין די צייט וואָס מ'האָט אָפּגעשמועסט צו שמוגלען די סחורה איבער דער גרעניץ, ווערט ער שוין אויך אַביסל שלאָפלאָז אין די נעכט, ווייל ער האָט פאָרט מורא אַז ער וועט געכאַפּט ווערן ביים טוהן אַזאַ אומלעגאַלע זאַך ווי שמוגלען סחורה צווישן איין לאַנד און צווייטן.

**דער איינציגער וואָס שלאָפט רואיג, נישט האָבנדיג קיין שום 'עול' פון דער גאַנצער 'מעשה', איז דאָס פערדל** וואָס דאַרף שלעפּן דעם וואָגן אין וועלכן עס וועט ליגן די סחורה... ער שלאָפט זיך רואיג... פאַרוואָס? ווייל פאַר

סליחות, כדי איך זאָל קענען לערנען פלייסיג אַזוי ווי אין די אַנדערע טעג פונעם יאָר. האָט מיין רבי מיר געזאָגט: 'די קדמונים האבן אויך געוויסט אַז דער תענית שטערט דאָס לערנען, און פונדעסטוועגן, האָבן זיי מתקן געווען מ'זאָל פאַסטן אין די טעג פון סליחות, כאָטש וואס אויב מ'פאַסט קען מען נישט לערנען געהעריג אַזוי ווי אַ גאַנץ יאָר, און דעריבער, גיב איך דיר נישט אַ היתר דערויף (צו עסן), ע"כ. קומט אויס, אַז די טעג זענען אין זייער מהות, אַנדערש ווי די אַנדערע טעג פונעם יאָר[ב].

לדידן ייאמר, כאָטש היינט זענען אַנדערע צייטן און מ'הייסט היינט נישט פאַסטן, אָבער פונדעסטוועגן, דאַרף מען כאָטש וויסן, אַז די יעצטיגע טעג זענען אַנדערש פון די אַנדערע טעג פונעם יאָר[ג], און יעדער

---

אים, איז דאָך דאָס זעלבע ווען ער גייט סתם אויף דער גאַס, אָדער ווען ער קריכט אויף די בערג ביי דער גרעניץ... 'מה לי הכא, ומה לי התם'...

**אחיי ורעיי אהוביי וידידיי, דער נמשל איז, דוד המלך ע"ה בעט זיך ביי אונז** (תהלים לב ט) **'אל תהיו כסוס כפרד'. עס קומען אָן די ימי הדין, מ'גייט נאָכזוכן אין אונזערע פעקלעך, וואָס פאַראַ 'סחורה' מיר ברענגען מיט זיך, און מיר האַלטן שוין ממש ביי דער 'לעצטער סטאַנציע', נעבן דער גרעניץ... לאָמיר נישט זיין ווי יענער זינלאָזער פערד וואָס פאַרשטייט אינגאַנצן נישט דעם באַדייט פון אדורך גיין די גרעניץ און ער שלאָפט דעריבער רואיג, לאמיר זיך געבן אוועק אויף, מיט תשובה און תיקון המעשים, און זיך אומקערן צום בוכ"ע!**

**יב.** מיר האָבן שוין נאָכגעזאָגט וואָס דער גאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל גאב"ד ירושלים, שרייבט אין שאלות ותשובות 'שלמת חיים' (או"ח סי' שכה) אַז אַ מלמד האָט אים געפרעגט, היות דער רמ"א פסק'ענט אין שולחן ערוך (יורה דעה סי' רמה, סי"ז) אַז אַ מלמד פון קינדער טאָר נישט זיין צופיל וואַך ביינאַכט, וויל ער אַלזאָ וויסן וואָס צו טוהן מיט'ן אויפשטיין פרי צו סליחות, אָבער רבי יוסף חיים האָט אים נישט מתיר געווען צו טוהן אַנדערש (רבי יוסף חיים שרייבט דאָרט צווישן אַנדערן, אַז עס ווערט גערעכנט ווי מ'האָט זיך עס אויסגענומען אין פאָראויס). **זעען מיר פון דאָ, אַז די טעג פון סליחות זענען אַנדערש פון די אַנדערע טעג פון יאָר.**

## מן הבאר

עס ווערט געברענגט ('דעת זקנים', ע' עד) אין נאָמען פון הרה"ק רבי ישראל אברהם זי"ע פון טשאַרנא אסטראה (אַ זון פון דעם הייליגן רבי'ן ר' זושא פון האַניפאָלי זי"ע), **אַז די בעסטע עצה אַרויסצוגיין זכאי ביים דין, איז אַז דריי טעג פאַר דעם טאָג פונעם משפט, זאָל מען נישט האָבן קיין שום שייכות מיט'ן יצר הרע**, ווייל עס ווערט גע'פסק'ענט ביי די הלכות פון עדות (סנהדרין כז. ובשו"ע חו"מ), אַז אַ שונא איז פסול צו זאָגן עדות. זאָגט די גמרא, ווען הייסט איינער אַ שונא? אויב ער האָט נישט גערעדט מיט יענעם דריי טעג צוליב פיינטשאַפט, און חז"ל זאָגן (ברכות סא:) 'צדיקים יצר טוב שופטן, רשעים יצר רע שופטן'. ממילא, קומט אויס אַז אַ מענטש וואָס האָט נישט גערעדט מיט'ן יצר הרע, דריי טעג צוליב 'איבה', ווערט דער שטן גע'פסל'ט צו זיין אַ דיין. ממילא גייט ער אַרויס זכאי ביים דין.

דאָס איז אָבער אַלץ נאָר מיט אַ **'תנאי קודם למעשה', אַז די דריי טעג זאָל ער אינגאַנצן אָפּלאָזן דעם יצר הרע, און ער זאָל נישט האָבן מיט איהם קיין שום שייכות 'מטוב עד רע'.**

**יג.** די געהויבענע און הייליגע טעג זענען אַ גוטע מתנה פאַר אידן, ווי אַ 'יריד', וואו מ'קען יעדע סעקונדע פאַרדינען הונדערטער טויזנטער און אַפילו מער, און **אַזוי איז יעדע מינוט אין חודש אלול**, דער גאַנצער מצב פונעם מענטש ברוחניות ובגשמיות פאַר'ן גאַנצן קומענדיגן יאָר הבעל"ט (און צומאָל אויף אַסאַך יאָרן, ווי עס שרייבט דער 'מגן אברהם', אין הלכות ראש השנה), אַלע ענינים פון נחת, פרנסה, געזונט, שידוכים און אַלע חברותות אין לערנען אַלעס ווענדעט זיך אין די יעצטיגע טעג, וויפיל מ'זאָל פאַרדינען, א.א.וו., אַלעס דרייט זיך אַרום דעם, און ממילא, **דאַרף מען זען אויסצונוצן די גוטע מתנה פון די הייליגע טעג, וואָס דער באַשעפער האָט אונז געגעבן.**

דער גאון רבי ירחמיאל קראם זצ"ל פלעגט פאָרלערנען אַ שיעור אין הלכה, יעדן טאָג נאָכ'ן דאַווענען שחרית. איין יאָר, פאַר די עשרת ימי תשובה, האָט ער געלערנט די הלכות פון תפילה אין די עשרת ימי תשובה, און ער

איינער דאַרף פאַרבעסערן זיינע וועגן, אויף זיין אייגנאַרטיגן אופן[יד].

**דאָס** איז ספעציעל נוגע דעם ערשטן טאָג סליחות[טו], אַזוי ווי עס שרייבט דער 'טור' (או"ח סי' תקפא) אַז

---

האָט ערקלערט פאַר די תלמידים אַלע הלכות וועגן די בקשות וואָס מ'לייגט צו אין די עשרת ימי תשובה ביים דאַווענען, וואָס עס איז יאָ מעכב, און וואָס נישט, א.א.וו. נאָכ'ן שיעור, האָט רבי ירחמיאל געזאָגט צו די בחורים, מיר ווייסן אַז עס זענען דאָ זעקס אזכרות ('זכרנו לחיים', 'מי כמוך', 'המלך הקדוש', 'המלך המשפט', 'וכתוב לחיים טובים', און 'בספר חיים'). די איינציגע פון די זעקס אזכרות וואָס איז מעכב (אויף אַזוי ווייט אַז מ'דאַרף איבערדאַווענען שמונה עשרה אויב מ'האָט פאַרגעסן עס צו זאָגן), איז 'המלך הקדוש'. די איבעריגע, זענען נישט מעכב. די וואָס זענען מעכב, גדענקט מען געווענליך, און די איבעריגע פאַרגעסט מען אַסאַך מאָל. איז מיין עצה פאַר אייך, אַז יעדער איינער זאָל אָנגרייטן אַ צדקה-פושקע, און יעדעס מאָל ווען ער וועט פאַרגעסן איין אזכרה, זאָל ער דאָרט אַריינלייגן איין 'שקל', און דאָס געלט וועלן מיר אי"ה צוזאַמענעמען אַ טאָג נאָך יום כיפור, פאַר דער 'ישיבת בין הזמנים'.

די בחורים האָבן באַוואונדערט דעם איינפאַל פון דעם מגיד שיעור רבי ירחמיאל, און זיי האָבן מסכים געווען. צומאָרגענס נאָך יום כיפור, האָט רבי ירחמיאל זיך געוואָנדן צו די בחורים, און געפרעגט דעם ערשטן, וויפיל שקלים האָסטו אַוועקגעלייגט פאַר דער 'ישיבת בין הזמנים', פאַר'ן פאַרגעסן אַן אזכרה אין די עשרת ימי תשובה. האָט דער בחור געענטפערט, איך האָב נישט אַוועקגעלייגט אַפילו איין פיאַסטער... דאָס זעלבע האָט געענטפערט דער צווייטער בחור, און דער דריטער, קיינער האָט זיך נישט 'גע'קנס'עט' אַפילו מיט איין פרוטה פאַר'ן פאַרגעסן אַן אזכרה...

האָט רבי ירחמיאל זיך זייער געוואונדערט: ווי איז מעגליך, אַז אַפילו איינער פון אייך האָט נישט פאַרגעסן צו זאָגן אין די עשרת ימי תשובה, אַפילו איין אזכרה... האָבן די בחורים אים געענטפערט: סך הכל, זענען מיר דאָך בחורים, און מיר פאַרמאָגן נישט קיין אייגן געלט. דאָס 'טאַשן-געלט' וואָס מיר באַקומען פון אונזערע עלטערן, איז קוים אויף צום 'לעבן', **אַזוי אַז מיר קענען זיך נישט 'ערלויבן' צו פאַרגעסן** די אזכרות אין די עשרת ימי תשובה, און באַצאָלן דערפאַר... אַזוי האָט יעדער איינער פון אונז געהאַט אַן עול, מיר האָבן צוגעלייגט מח און האַרץ צו די ווערטער וואָס מיר זאָגן אַרויס ביים דאַווענען, און דאָס האָט אונז געהאָלפן נישט צו פאַרגעסן אַפילו איין 'זכרנו לחיים', אָדער 'המלך המשפט'...

האָט רבי ירחמיאל זיך געוואונדערט: יעדער איינער ווייסט, אַז די יעצטיגע טעג זענען גורל'דיגע טעג, וואָס דאָס גאַנצע לעבן פונעם מענטש און דאָס גאַנצע קומענדיגע יאָר ווענדעט זיך אין דעם, ער ווייסט וויפיל שאָדן ער האָט מיט יעדן 'זכרנו לחיים' וואָס ער פאַרגעסט, און וויפיל ער 'פאַרדינט' ווען ער גדענקט יאָ עס צו זאָגן, און דאָס אַלעס העלפט נישט, ווייל אַסאַך מענטשן פאַרגעסן ליידער צו דערמאָנען די אזכרות, און דאָ, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן איין שקל וואָס דער בחור האָט אין טאַש, האָט ער שוין נישט פאַרגעסן אַפילו איין אזכרה...

מיר לערנען פון די מעשה, אַ לימוד פאַר יעדן איינעם פון אונז. **מיר דאַרפן גדענקען און גוט איינוואָרצלען אין אונזער מוח און האַרץ, וויפיל דער מענטש קען פאַרדינען מיט יעדע גוטע זאַך וואָס ער טוט אין די יעצטיגע טעג. נישט נאָר אַ 'שקל', נאָר פילע צענדליגער טויזנטער. אַזוי וועט מען נישט פאַרגעסן אונזער אויפגאַבע, און מ'וועט גדענקען וואָס עס ליגט אויפ'ן מענטש.**

**יד.** אַ איד וואָס האָט געדינט אַלס 'בעל תפילה' אין די הייליגע טעג, האָט אַמאָל געזאָגט צו הרה"ק רבי מרדכי'לע נאַדבורנער זי"ע: רבי, איך בין דער שליח ציבור ראש השנה, און איך דאַרף אַהיימפאָרן כדי 'איבערצוקוקן דעם מחזור' (דאָס הייסט, פאָרקוקן זיך די תפילות). האָט הרה"ק רבי מרדכי'לע אים געזאָגט:

- **דער 'מחזור' איז געבליבן דער זעלבער ווי פאַריאָר, עס האָט זיך דאָרט גאָרנישט געטוישט... ענדערש זאָלסטו זיך אַליין 'איבערקוקן', ווי איידער 'איבערצוקוקן' דעם מחזור...**

ענליך האָט דערציילט החסיד הישיש רבי משה בוים זצ"ל, וועלכער האָט יונגערהייט זוכה געווען צו זיין ביים הייליגן 'ישמח ישראל' זי"ע פון אלכסנדר, אַז אינמיטן חודש אלול איז ער אַמאָל אַריינגעגאַנגען צום 'ישמח ישראל', וועלנדיג זיך געזעגענען איידער ער פאָרט אַהיים. האָט דער רבי אים געפרעגט פאַרוואָס ער פאָרט אַוועק. האָט רבי משה בוים געענטפערט, איך בין אַ 'בעל מתחיל'. האָט דער 'ישמח ישראל' אים געפרעגט: וואָס מיינט אַ 'בעל מתחיל'? האָט רבי משה געענטפערט: 'איינער וואָס דאַווענט 'פסוקי דזמרה' פאַר'ן עמוד. האָט דער 'ישמח ישראל' אים געזעגנט:

- פאָר אַהיים געזונטערהייט, אָבער **גדענק מיט וועמען דו טוסט דאָ 'אָנהייבן'...**

רוב פונעם ציבור פאַסט דעם ערשטן טאָג פון סליחות, און עס ווערט געברענגט אין ספר 'אמרי פנחס' (אות תמה) אַז הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט זייער שטאַרק מחמיר געווען וועגן די טבילה אין מקוה דעם ערשטן טאָג פון סליחות פאַרטאָגס, ווי אויך אין ערב ראש השנה פאַרטאָגס, און ביידע טעג פון ראש השנה, ווי ס'איז איינגעפירט, כאָטש וואס אין אנדערע צייטן האָט ער מקיל געווען, אָבער די דערמאנטע טבילות זענען האַרבער, עכ"ל. דאָס הייסט, ווי געזאָגט, ווייל די יעצטיגע טעג זענען אין זייער מהות[טו], אַנדערש ווי די אַנדערע טעג פונעם יאָר.

**דלתיך דפקנו - הייליגע באַשעפער, ס'איז אַ מצב פון 'פיקוח נפש'!**

**דער** 'רבינו יונה' שרייבט ('שערי תשובה, שער א, אות יב) אַז נאָך מער ווי איינער וואָס האָט פאַרלוירן זיין גאַנצן פאַרמעגן ח"ו, דאַרף זיך מצטער זיין און קרעכצן דער וואָס האָט ווידערגעשפעניגט ח"ו קעגן דעם אויבערשטען, און ער האָט נישט געדענקט זיין באַשעפער וואָס האָט אים באַשאַפן אַ 'יש מאין', און געטוהן מיט אים אַ חסד, און ער פירט אים אייביג, און ער באַשאַפט זיין נפש יעדע סעקונדע, און ווי אַזוי האָט ער געוואַגט אים צו דערצערנען ח"ו. ווי אַזוי זעט נישט דער מענטש

---

**טו.** דער הייליגער 'שרף' פון סטרעליסק זי"ע האָט געזאָגט ('אמרי קדוש', ימים נוראים), אַז **די כתיבה און חתימה פון ראש השנה און יום כיפור פאַנגט זיך שוין אינעם דעם ערשטן טאָג פון סליחות.**

**טז.** די בעלזער צדיקים לדורותיהם זי"ע האָבן געהייסן דעם עולם, און זיי האָבן זיך אַליין אויך אַזוי געפירט, אַלס אַ **'חוק ולא יעבור', צו זאָגן דעם ערשטן טאָג סליחות גאַנץ ספר תהלים בציבור.**

דער פריערדיגער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע איז אין די לעצטע צייטן שוין געווען זייער שוואַך, און די משמשים האָבן דעריבער געוואָלט צוריקהאַלטן דעם בעלזער רב נישט אַריינצוקומען אין בית המדרש צו זאָגן תהלים בציבור דעם ערשטן טאָג סליחות. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט אויף אַלע שוועריגקייטן און איז אַריינגעקומען אין ביהמ"ד צו תהלים-זאָגן. שפעטער האָט דער בעלזער רב געזאָגט: **ווי אַזוי האָט איר מיך געוואָלט שטערן פון שפירן די התעוררות ביים זאָגן דעם 'יהי רצון' נאָך תהלים?!**

אויך האָט דער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע געזאָגט, אַז **זיין האָרעוואַניע אין דעם ערשטן טאָג סליחות, איז גרעסער פון זיין האָרעוואַניע אין ראש השנה און יום כיפור.**

מיר האָבן שוין דערציילט, אַז ווען אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האָט נאָך געוואוינט אין דער שטאָט תל אביב, איז אַ איד אַמאָל אַריינגעקומען צו אים, און אים דערציילט אַ מעשה וואָס זיין זיידע האָט געהאַט ביי הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע:

אַמאָל איז הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע געגאַנגען צופוס אַהיים קיין לעלוב פון לובלין, נאָכ'ן זיך אויפהאַלטן דאָרט אַ צייט ביי זיין רבי'ן, דעם הייליגן לובלינער זי"ע. צוליב זיין גרויס אָרימקייט, נישט האָבנדיג אַפילו אַ פּאָר פּרוטות צו באַצאָלן פאַר אַ וואָגן אַהיימצופאָרן, איז ער געגאַנגען דעם גאַנצן וועג צופוס. פלוצלינג האָט אַ וואָגן זיך אָפּגעשטעלט, און דער איד וואָס איז געזעסן אויפ'ן וואָגן, האָט געפרעגט רבי דוד'לען ווי אהין ער גייט. האָט רבי דוד'ל געענטפערט, אַז ער איז אויפ'ן וועג אַהיים קיין לעלוב. האָט דער איד, וועלכער האָט געוואוינט אין אַ דאָרף נעבן לעלוב, איינגעלאַדן רבי דוד'לען אַרויפצוקומען אויפ'ן וואָגן, צוגעבנדיג אַז ער וועט אים פירן קיין לעלוב, ווייל ער וואוינט אין אַ דאָרף נעבן לעלוב, און אויפ'ן וועג אַהיים קען מען זיך אָפּשטעלן אין לעלוב. ווען זיי זענען אָנגעקומען אין לעלוב, האָט הרה"ק רבי דוד'ל באַדאַנקט דעם איד און אים געזאָגט: איך האָב אַ בית המדרש דאָ אין שטאָט, און איך וויל דיך בעטן דו זאָלסט קומען צו מיר דעם ערשטן טאָג סליחות.

האָט דער איד געטראַכט ביי זיך: אָט האָב איך אים געטוהן אַ חסד און אים מיטגענומען מיט'ן וואָגן, און שוין וויל ער מיך 'אויסנוצן', איך זאָל קומען משלים זיין פאַר אים דעם מנין ביי אים אין בית המדרש... ער האָט אויפ'ן אָרט באַשלאָסן נישט צו פאָרן צו רבי דוד'ל דעם ערשטן טאָג סליחות.

ווען עס איז געקומען צו זאָגן סליחות דעם ערשטן טאָג, איז הרה"ק רבי דוד'ל אַריינגעקומען אין שול, און זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן פון שול. נישט זעענדיג וואָס ער האָט געזוכט, איז רבי דוד'ל צוריק אַריינגעגאַנגען אין זיין צימער, און אַזוי האָט ער געטוהן עטליכע מאָל. ער איז אַרויסגעקומען פון צימער און זיך אומגעקוקט צווישן דעם עולם, און נישט טרעפנדיג דעם מענטש וואָס ער זוכט, איז ער צוריק אַריין אין צימער.

און פאַרשטייט נישט וואָס ער האָט אָפּגעטוהן. דער וואָס האָט שכל, עפּענט זיינע אויגן און די דאָזיגע ווערטער ווערן איינגעקריצט אין זיין האַרץ'[ז], עיי"ש.

הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע פון קאַרלין פלעגט זאָגן (זע 'בית אהרן', קלז:) אַז דער מענטש זאָל נישט 'זאָגן' סליחות, נאָר ער זאָל 'בעטן' די סליחות[ח]. דאָס

---

דער איד וואָס האָט געפירט רבי דוד'לען קיין לעלוב, האָט זיך דערווייל מיישב געווען, דער לעלובער רבי איז דאָך אַ הייליגער מענטש. וואָס האָט ער דען שוין געבעטן פון מיר, אַז איך זאָל אַריינקומען צו אים. פאַרוואָס זאָל איך נישט נאָכגעבן זיין בקשה? 'אומר ועושה': ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין וואָגן, און איז אַריינגעפאָרן קיין לעלוב, וואו ער איז באַלד צוגעגאַנגען צום בית המדרש פון הרה"ק רבי דוד'ל. דאָס מאָל ווען רבי דוד'ל איז אַרויסגעקומען פון צימער און געזען דעם איד שטיין דאָרטן, איז ער באַלד צוגעגאַנגען צום עמוד, און אָנגעהויבן זאָגן סליחות. נאָך סליחות, האָט רבי דוד'ל געזאָגט צו דעם איד:

- אין דעם פאַרלאָפענעם יאָר, האָסטו דאָך מיר געטוהן אַ גרויסע טובה, האָב איך דיך געוואָלט בענטשן און משפיע זיין אויף דיר אַסאַך שפע. **צוליב דעם האָב איך דיר געהייסן אַהערקומען דעם ערשטן טאָג סליחות, ווייל יעצט איז אַ גרויסער 'עת רצון' אין הימל.** ממילא, גיב איך דיר אַ ברכה, אַז דו און דיינע קינדער און אייניקלעך זאָלן האָבן עשירות און זוכה זיין צו אריכות ימים ושנים.

און דער איד האָט אויסגעפירט זיינע ווערטער, צו מיין זיידן הרה"ק רבי משה מרדכי זצ"ל:

- איך בין אַן אור-אייניקל פון דעם איד וואָס האָט באַקומען די ברכה פון רבי דוד'ל לעלובער, און איך קען אייך זאָגן, אַז די ברכה איז מקוים געוואָרן אויף אַ פולשטענדיגן אופן. אַלע אין אונזער משפחה זענען געווען רייך, און ב"ה געהאַט אריכות ימים.

פון די מעשה זעהען מיר **ווי חשוב ס'איז אין הימל דער ערשטער טאָג סליחות, אַז מ'קען דעמאָלס פועל'ן השפעות טובות לדורי דורות.**

**יז.** ביים אָנהייב פון די סליחות, זאָגט מען פסוקים פון לויב פאַר דעם אויבערשטען, און די ספרים שרייבן פאַרשידענע טעמים פאַר דעם וואָס מ'זאָגט דאָ 'פסוקי דזמרה', איידער מ'קומט בעטן סליחות.

מ'קען אָבער זאָגן נאָך אַ טעם, על דרך משל, אַ מענטש גייט אויפ'ן גאַס, זיך איילנדיג שטאַרק צו דער אַרבעט. פון גרויס יאָגעניש, האָט ער נישט גוט אַכטונג געגעבן, און אַזוי לויפנדיג האָט ער אומגעוואָרפן אויף דער ערד איינעם פון די דורכגייער. אויפ'ן ערשטן אויגנבליק, האָט זיך אים געדאַכט אַז ער האָט אומגעוואָרפן אַ יונג קינד, האָט ער אים געזאָגט מיט אַ האַלב מויל, 'אַנטשולדיג'... און געוואָלט גיין ווייטער. דערנאָך האָט ער אָבער אין אַכט גענומען, אַז דאָס איז נישט געווען אַ יונגל, נאָר אַן עלטערע מענטש. איז ער צוגעגאַנגען צו אים, און אים שיין איבערגעבעטן מיט'ן גאַנצן האַרץ, זיך פאַרענטפערנדיג מיט '101 תירוצים' פאַרוואָס ער האָט נישט אין אַכט גענומען וואָס ער טוט אין איילעניש. אַזוי שטייענדיג און איבערבעטנדיג דעם מענטש ווערמען ער האָט אומגעוואָרפן, האָט ער געזען צו זיין גרויס שטוינונג, אַז דער וואָס איז 'געפאַלן' אויף דער ערד צוליב זיין יאָגעניש, איז נישט געווען סתם אַ מענטש, נאָר איינער פון די גדולי זקני וצדיקי הדור. יעצט איז ער שוין געוואָרן ממש פאַרלוירן, און קוים אַרויסגעזאָגט אַ פון מויל בעטענדיג סליחה ומחילה, איך בעט אייך מיט טרערן אין די אויגן, זייט מיר מוחל פאַר'ן אייך אומוואַרפן אין מיין לויפעניש...

לאָמיר אַלזאָ זיך באַטראַכטן: אויב דער מענטש וואָלט אויך דעם גדול איבערגעבעטן מיט אַ 'האַלבן מויל', אַזוי ווי פריער ביי דעם יונגל, אָדער ביי דעם 'סתם' מענטש, וואָלט דאס דאָך געווען אסאך ארגער ווייל דאן איז ער נאָך מוסיף 'חטא על פשע', ווייזנדיג אַז ער נעמט גאָר לייכט די גאַנצע זאַך.

קומט אויס אַז עס פאָדערט זיך אין פאָראויס די עצם ידיעה און אנערקענונג קעגן ווערמען מ'האָט זיך פאַרזינדיגט, כדי די בקשה פאַר אַ סליחה און מחילה זאָל זיין ווי געהעריג. וועגן דעם הייבן מיר אָן די סליחות מיט'ן אויסלויבן דעם אויבערשטען'ס גרויסקייט, און די פילע חסדים וואָס ער טוט מיט אונז, כדי דאָס בעטן אַ סליחה ומחילה זאָל זיין ווי ס'דארף צו זיין. דאָס איז די כוונה אין די ווערטער פון רבינו יונה, וואָס ער שרייבט אַז מ'דאַרף געדענקען דעם באַשעפער, 'אשר בראו יש מאין, וחסד עשה עמו, וידו תנחהו בכל עת, ונוצר נפשו בכל רגע', ווייל ערשט נאָך דעם קען מען בעטן סליחה און מחילה ווי ס'פּאַסט.

**יח.** דער מגיד מישרים הגאון רבי שלום שבדרון זצ"ל, האָט געזאָגט אַ כוונה אין די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין די סליחות, 'דלתיך דפקנו רחום וחנון', על דרך משל, איינער זיצט ביי זיך אינדערהיים און אָט הערט ער ווי

איינער קלאַפּט אויפ'ן טיר, האָט ער די ברירה, יאָ צו עפענען די טיר אָדער נישט, אָבער אויב ער וועט הערן ווי איינער שטייט און 'קאַפּעט' מיט אַלע כוחות אויפ'ן טיר, וועט ער אַוודאי באַלד צולויפן צו זען ווער ס'איז דער וואָס האָט די 'חוצפה' צו קאָפּען אויף מיין טיר. ווען ער עפענט די טיר, זעט ער אַז דאָס איז אַן אָרימאַן וועלכער שרייט מיט די לעצטע כוחות, אויב דו וועסט מיר נישט געבן אַ שטיקל ברויט, וועל איך אויסגיין ח"ו פון הונגער אין דער יעצטיגער סעקונדע... איז דאָך נישט קיין ספק, אַז דער וואָס וואוינט אין דער דירה, וועט שנעל לויפן אים ברענגען עפעס זיך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ, און אים ראַטעווען דאָס לעבן.

דאָס איז די כוונה פון די ווערטער, **'דלתיך דפקנו'... ס'איז אַ מצב פון 'פיקוח נפש'!** מיר זענען נישט דאָ געקומען געבן אַ קליינעם 'קלאַפּ' אויפ'ן טיר, נאָר צו קלאַפּן שטאַרק, און שרייען: רבונו של עולם, אויב דו וועסט אונז נישט עפענען די טיר, און שנעל קומען אונז צו-הילף מיט אַ כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה, איז דאָ אַ חשש אַז ח"ו... אויפ'ן אָרט. ס'איז ממש 'פיקוח נפש'!

## מן הבאר

דער גאון רבי נפתלי טראָפּ זצ"ל האָט געזאָגט אין אַ דרשה פאַר תקיעת שופר אין דער ישיבה פונעם הייליגן בעל 'חפץ חיים' זי"ע אין ראַדין, אַ טעם פאַרוואָס מיר זאָגן אין די סליחות, אַ דאָפּלטן לשון: 'כדלים וכרשים **דפקנו דלתיך**', און '**דלתיך דפקנו** רחום וחנון', ווייל ווען אַ מענטש זאַמלט נדבות צווישן די טירן פון די הייזער, אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה. אויב מ'וועט נישט עפענען פאַר אים די טיר אין איין דירה, וועט ער זיך נישט לאַנג אויפהאַלטן דאָרט, נאָר ער וועט גיין צו דער קומענדיגער טיר, און דאָרט אָנקלאַפּן צו בעטן אַ נדבה. אָבער אויב ער איז הונגעריג ווייל ער האָט שוין עטליכע טעג נישט גענומען עפעס אין מויל אַריין צו עסן, און ער שפּירט אַז אויב ער וועט נישט זאָפאָרט עפעס עסן אָדער טרינקען, וועט ער חלילה באַלד אומקערן זיין נשמה צום באַשעפער, וועט ער זיך נישט אַוועקדרייען פון דער טיר וואו מ'עפנט אים נישט, נאָר ער וועט ווייטער קלאַפּן אויפ'ן טיר, און אַפילו 'זעצן' דערויף מיט אַלע כוחות, ביז מ'וועט אים עפענען די טיר און אים געבן עפעס זיך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ און זיך דערהאַלטן ביים לעבן.

דאָס איז די כוונה פון די ווערטער, 'דלתיך דפקנו'. מיר קלאַפּן שטאַרק אויף דער טיר פונעם באַשעפער, **ווייל מיר שפּירן אַז אָן זיין הילף וועלן מיר נישט קענען פאַרזעצן**. ממילא, וועלן מיר קלאַפּן און קלאַפּן ביז מ'וועט פאַר אונז עפענען די טויערן, און מ'וועט אונז פאַרשרייבן צו אַ כתיבה וחתימה טובה.

דאָס איז אויך די כוונה פון די ווערטער וואָס מיר זאָגן דעם ערשטן טאָג אין די סליחות, 'זוחלים ורועדים מיום בואך... רצה עתירתם בעמדם בלילות'. דאָס וואָרט 'עתירה', איז טייטש, אַז מ'טוט זיך **שטאַרק איינבעטן** ביי יענעם, ווי רש"י זאָגט (בראשית כה, א), אויפ'ן פסוק ויעתר לו ה', 'כל לשון עתר לשון הפצרה וריבוי הוא'. קומען מיר דאָ מרמז זיין, **אַז ביי די סליחות טוהען מיר זיך נישט באַגעניגענען מיט סתם בעטן, נאָר מ'טוט זיך שטאַרק איינבעטן ביי דעם אויבערשטען.**

און דער מענטש זאָל נישט זאָגן, ווער האָט דיר געגעבן אַ היתר 'מטריח' צו זיין כביכול דעם אויבערשטען ברוך הוא, ווייל אויף דעם זאָגט שוין דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע (שם עולם, נפוצות ישראל, פ"ז) אַז **ווען דער מענטש איז מתפלל צו דעם אויבערשטען, דאַרף ער רעדן צו אים ווי אַ קליין קינד רעדט צו זיין טאַטן...** דאָס אַלעס זאָל ער בעטן דעם אויבערשטען פון טיפן האַרצן, און אַוודאי ווען דער אויבערשטער וועט הערן זיין תפילה, וועט עס אָנגענומען ווערן מיט אַסאַך חן און ער וועט אים באַשטימען זיין פּרנסה.

דער 'חפץ חיים' פּירט אויס: **'כידוע שחוצפה כלפי שמיא מהניא אפילו בדברים פשוטים'** - ווי ס'איז באַקאַנט (וואָס חז"ל זאָגן), אַז חוצפה העלפט אַפילו כלפי דעם אויבערשטען כביכול, אַפילו ביי פּשוט'ע זאַכן. **'וכל שכן בדברים קדושים כאלו, שהוא לכבוד השם'** - און אַוודאי ווען עס האַנדלט זיך ביי דברים שבקדושה, וואָס איז פאַר דעם אויבערשטען'ס כבוד.

נאָך אַ כוונה ווערט געברענגט אויף די ווערטער **'דלתיך דפקנו'**, ווייל ס'איז דער שטייגער פון מענטשן, ווען אַן אָרימאַן קומט בעטן אַ נדבה אין ביהמ"ד, קען אַ מענטש אים אַמאָל ענטפערן אַז ער האָט נישט יעצט ביי זיך קיין געלט, אָבער ווען אַן אָרימאַן קלאַפּט אָן אויפ'ן טיר פון אַ אידישע שטוב, וועט מען אים נישט אַוועקשיקן

הייסט, ער זאָל נישט זאָגן די סליחות 'סתם'[יט], נאָר ער זאָל בעטן פון די טיפענישן פון זיין האַרץ[כ], דעם דערבאַרימדיגן טאַטן אין הימל, ער זאָל אים מוחל זיין פאַר'ן גאַנצן עבר[כא], אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (איכה ב, יט) 'שפכי כמים לבך נוכח פני ה''. ער זאָל זיך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר דעם באַשעפער, דער 'בוחן כליות ולב'.

**תמכתי יתידותי - די סגולה פון זאָגן די י"ג מידות של רחמים**

**אין** די יעצטיגע טעג זאָגט מען אַסאַך מאָל די שלש עשרה מידות של רחמים, און די גמרא זאָגט (ר"ה יז:) רב יהודה האָט געזאָגט, 'ברית כרותה לי"ג מידות של רחמים חוזרות ריקם'. עס איז אַ בונד וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט מיט די אידן, אַז די שלש עשרה מידות של רחמים גייען קיינמאָל נישט צוריק ליידיג ח"ו. דאָס הייסט, אַז ווען אידן זאָגן די שלש עשרה מידות של רחמים, ווערן זיי געהאָלפן פון דעם אויבערשטען, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שמות לד, י) 'הנה אנכי כורת ברית'[כב] וגו'.

די קדמונים האָבן טאַקע מסדר געווען פאַר אונז אַ סדר פון תפילה, צו זאָגן אין די יעצטיגע טעג די

---

מיט ליידיגע הענט, ווייל ער קומט דאָך דאָ קלאַפּן אויפ'ן טיר ווייל ער ווייסט אַז ביי זיך אינדערהיים, האָט יעדער בעה"ב כאָטש אַ 'שוה פרוטה', און אַפילו מער.

דאָס איז די כוונה פון די ווערטער 'דלתיך דפקנו'. מיר קומען אָנקלאַפּן אויף דיין טיר כביכול, אַזוי ווי דער אָרימאַן וואָס קומט צום עושר אין הויז ווייל **ער ווייסט אַז דאָרט האָט ער זיכער עפּעס אים צו געבן**, און אויף דעם טוהען מיר אויספירן, 'נא אל תשיבנו ריקם מלפניך'. ס'איז נישט מעגליך אַז דו זאָלסט אונז אַוועקשיקן מיט ליידיגע הענט ח"ו, **ווייל מיר ווייסן דאָך אויף זיכער אַז דו האָסט יאָ וואָס אונז צו געבן**... אַלעס איז דאָך אין דיינע הענט, באַשעפער, גיב אונז אַ שנה טובה ומתוקה, שנת גאולה וישועה, שמחה לארצך וששון לעירך, וצמיחת קרן לדוד עבדך.

**יט.** ווען אַ מענטש וויל אַמאָל איבערבעטן אַ צווייטן, רעדט ער צו אים מיט הכנעה, ער בעט אים, 'זיי מיר מוחל'. אָבער אויב יענער שטייט אים אין וועג אויף דער גאַס א.ד.ג., און ער וויל אים מעורר זיין ער זאָל זיך 'רוקן' פון דאָרט, זאָגט ער אים, 'אַנטשולדיגט מיר, שטייט מיר נישט אין וועג, און לאָזט מיך אַדורכגיין'...

דאָס זעלבע איז מיט די סליחות. עס זענען דאָ צוויי סאָרטן מענטשן וואָס זאָגן סליחות. ס'זענען דאָ אידן וואָס קומען צום באַשעפער, און בעטן זיך ביי אים ער זאָל זיי מוחל זיין אַלע זייערע עבירות און זיי שענקען אַ שנה טובה ומתוקה, מיט אַלע גוטע השפעות, און זייער הויפּט כוונה איז זיך צו רייניגן פון יעדע עבירה, אָבער עס זענען דאָ אַ מענטש וואָס קומט ווי איינער וואָס וויל זאָגן, 'שטיי מיר נישט אין וועג'... לאָמיך שוין 'אַדורכגיין' די ימים נוראים, איך וויל שוין האַלטן 'נאָך' די הייליגע זמנים...

**כ.** הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט געזאָגט (אמרי פנחס' השלם, סליחות, אות תנג), אַז דער פּזמון 'במוצאי מנוחה' פון ערשטן טאָג סליחות, איז געבויט אויף די אותיות פון אל"ף-בי"ת. יעדער אות איז אַ חרוז פאַר זיך, נאָר די אותיות נ' און ס' זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן איינער נעבן דעם אַנדערן. 'נא **סגבם**', כדי דער נ' און דער ס' זאָלן זיין צוזאַמען, עס זאָל ווערן דערפון אַ '**נס**'... ווייל באמת האָבן מיר נישט קיין מעשים טובים צו קומען מיט זיי צום גרויסן קעניג ברוך הוא, נאָר מיר קוקן אַרויס אויף די ניסים פון באַשעפער, אַזוי ווי מיר זעצן פאָר צו זאָגן אין דעם זעלבן פּזמון 'תראם **נסיך** עושה גדולות'. און אויף דעם טוען מיר מתפלל זיין צו דעם באַשעפער, דער 'מלך שומע תפילה'.

**כא.** הרה"ח רבי יוסף שטערביצער ז"ל, וועלכער איז געווען דער בעל תפילה ביי הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע, איז אַמאָל פאַר'ן זאָגן די סליחות אין ערשטן טאָג סליחות, אַריינגערופן געוואָרן צום הייליגן בעלזער רב זי"ע, און דער רב האָט אים געזאָגט: 'ווען דו גייסט צו צום עמוד, זאָלסטו אין זינען האָבן איין זאַך, צו דאַווענען הויך אויפ'ן קול, און מיט אַ התעוררות, **'הויך, הויך, הויך'... כדי אַלע זאָלן הערן און נתעורר ווערן**. דו דאַרפסט זיך נישט זאָרגן אויב דו וועסט ווערן הייזעריג, ווייל אַפילו אויב דו וועסט ווערן הייזעריג קען מען טרעפן אַ צווייטן וואָס זאָל דיך פאַרטרעטן, ווייל **דער עיקר ביים זאָגן די סליחות איז גוט אַריינצונעמען אין האַרצן און נתעורר ווערן צו תשובה שלימה.**

**כב.** דאָרט זאָגט דער פסוק ווייטער, 'נגד כל עמך אעשה נפלאות אשר לא נבראו בכל הארץ ובכל הגוים'. טייטשט דער 'ספורנו' ז"ל, **'אעשה נפלאות' - ווען זיי וועלן מתפלל זיין דורך די דאָזיגע מידות.** זעען מיר דאָ אַ מורא'דיגע

י"ג מידות של רחמים, צענדליגער מאָל (פון ערשטן טאָג סליחות, ביז נאָך תפילת נעילה), און דער וואָס האָט שכל, דאַרף זיך מתבונן זיין און נתעורר ווערן ביים אינזין האָבן די טייטש פון די ווערטער, און דעמאָלט וועט ער פועל'ן טובות און ברכות צום נייעם יאָר, און ווען מיר טוען דערמאנען די י"ג מידות של רחמים, זיצט דער אויבערשטער כביכול אויף די כסא של רחמים, און ער איז מוחל פאַר די אידן אַלע זייערע עבירות.

לויט דעם זאָגן די ספרים אַ טעם פאַרוואָס ביי אַלע סליחות זאָגט מען פריער 'א-ל ארך אפים', איידער מ'דערמאנט צום ערשטן מאָל די י"ג מידות של רחמים, און פון צווייטן מאָל און ווייטער זאָגט מען פריער 'א-ל מלך יושב על כסא רחמים', דאס איז ווייל, ווען מ'זאָגט צום ערשטן מאָל די י"ג מידות, זיצט נאָך נישט דער אויבערשטער אויף די כסא של רחמים, נאָר נאָכ'ן ערשטן מאָל זאָגן די שלש עשרה מידות, ווערט מדת הדין איבערגעדרייט צו רחמים, ממילא, קען מען דערנאָך שוין זאָגן 'יושב על כסא רחמים'.

און צוליב דעם טעם הייבט מען אָן יום כיפור ביינאַכט מיט זאָגן 'א-ל מלך יושב על כסא רחמים', באַלד ביים ערשטן מאָל, ווייל יום כיפור איז 'כולו רחמים', אויך נאָך איידער די אידן זענען מעורר די שלש עשרה מדות של רחמים, און וועגן דעם קען מען באַלד זאָגן 'יושב על כסא רחמים'[כג].

### יכולה היא שתרחם - דער שבת איז בכח מעורר צו זיין מדת הרחמים אויפ'ן מענטש

הרה"ק בעל התניא זי"ע האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין רבי'ן, דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זי"ע, וואָס ער האָט נאָכגעזאָגט אין נאמען פון דעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אַז היינטיגן שבת בענטשט מען נישט ראש חודש, כאָטש עס איז דער שבת פאַר חודש תשרי, ווייל אין דעם שבת טוט דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו, אַליין בענטשן דעם חודש, און מיט'ן כח פון דעם 'ראש חודש בענטשן' פון דעם אויבערשטען, טוהען מיר בענטשן אַלע אַנדערע חדשים פונעם יאָר.

---

זאַך, ווען דער אויבערשטער האָט געמאַכט דעם בונד וועגן די שלש עשרה מידות של רחמים, איז דאָך שוין געווען נאָך אַלע ניסים ונפלאות וואָס דער אויבערשטער האָט באַוויזן פאַר די אידן ביי יציאת מצרים און ביי דעם מעמד הר סיני, און פונדעסטוועגן, **קען מען דורכ'ן זאָגן די י"ג מידות של רחמים, פועל'ן נאָך גרעסערע וואונדער ווי די ניסים פון יציאת מצרים און קבלת התורה**, ווי דער פסוק זאָגט דאָרט בפירוש, 'אשר לא נבראו בכל הארץ ובכל הגוים'. ממילא, קען מען פאַרשטיין, אַז מיט'ן זאָגן די שלש עשרה מידות של רחמים, קען מען פועל'ן ישועות, נאָך מער וואונדערליך ווי קריעת ים סוף!

**כג.** דער 'שערי תשובה' שרייבט (סי' תקפ"א, סק"א) אַז מ'טאָר נישט זאָגן די שלש עשרה מידות של רחמים אָן כוונה.

דער רבינו בחיי ז"ל שרייבט (שמות לד, ו) אַז מ'דאַרף וויסן, אַז דער מענטש וואָס פאַרשטייט די שלש עשרה מידות של רחמים און ער ווייסט זייער טייטש און עיקר, און ער איז זאָגט עס מיט כוונה, טוט זיין תפילה נישט צוריקקומען ליידיג, נאָר אויב ער האָט חלילה געטוהן עבירות וואָס האַלטן עס צוריק.

**היינטיגע צייטן, ווען מיר זענען ליידער אין גלות און מיר האָבן נישט אַ כהן גדול וואָס זאָל מכפר זיין אויף אונזערע עבירות, און מיר האָבן אויך נישט אַ מזבח מקריב צו זיין אויף אים אונזערע קרבנות, און נישט אַ בית המקדש מתפלל צו זיין דאָרט, איז דאָס איינציגסטע זאַך וואָס איז אונז געבליבן, איז אונזער תפילות און די שלש עשרה מידות של רחמים**, און פון די שלש עשרה מידות, לערנען מיר דעם סדר פון תפילה און דאָס בעטן רחמים פון דעם אדון הכל יתעלה, עכ"ד.

### מן הבאר

הרה"ק בעל 'דרכי תשובה' זי"ע פון מונקאַטש, ברענגט אין זיין ספר 'דרכי תשובה' (סי' קעט, סקי"ח) אַז זיין זיידע, הרה"ק בעל 'בני יששכר' זי"ע פלעגט חתונה מאַכן אין חודש אלול, דער חודש הרחמים והסליחות, אַפילו סוף חודש, כאָטש אַנדערע חדשים פלעגט ער זיך צוריקהאַלטן דערפון, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז **חודש אלול איז 'כולו התעוררות רחמים ורצון', און מדת הדין האָט בכלל נישט קיין שליטה דעמאָלס.**

(געברענגט אין 'קובץ מכתבים', ביים סוף פון תהלים 'אהל יוסף יצחק', ע' 193)

**עס** שטייט אין ספה"ק 'שפת אמת' (נצבים תרנ"ה), אז מען דאַרף זיך שטאַרקן אין דעם לעצטן שבת ביים סוף פון יאָר, ווייל די גמרא זאָגט (שבת קיח.) אַז אויב אידן וואָלטן געהיטן איין שבת ריכטיג, וואָלטן זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן, און אויך זאָגט די גמרא (שבת יב.) 'יכולה היא שתרחם'. דער שבת איז בכח מעורר צו זיין מדת הרחמים אויפ'ן מענטש.

**הרה"ק** בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט, אַז דער לעצטער שבת פונעם יאָר איז כולל אין זיך אַלע שבתים פון פאַרגאַנגענעם יאָר, און עס האָט אין זיך אַלע כוחות פון די שבתים פונעם יאָר.

**אַזוי** שרייבט אויך דער 'בית אהרן' (קכט: ד"ה 'עוד'), אַז שבת פאַר יום טוב, איז די הכנה צום יום טוב, ווי מיר זאָגן, 'תחילה למקראי קודש', ווייל פונעם שבת ווערט נשפע די קדושה פונעם יום טוב, עכ"ל.

**דער** 'באר מים חיים' שרייבט (נצבים, ד"ה 'אתם נצבים'): אַלע ברכות און טובות און חסדים, וואָס ווערן געטוהן אין משך פון די וואָך, פאַר דער וועלט בכלליות, אָדער פאַר אַ פּרטיות'דיגן מענטש, אַלעס ווערט געטוהן און עס ווערט נמשך אין דעם פריערדיגן שבת. קומט אויס, אַז אויך אין דעם יום הגדול והנורא, ראש השנה, ווען דער אויבערשטער טוט משפּט'ן אַלע אידן, און ער באַשטימט פאַר זיי לעבן און פּרנסה אַלעס ווערט געטוהן אין דעם שבת פריער פאַר ראש השנה, אין דעם שבת מקור הברכה. און צוליב דעם ווערט גע'פּסק'ענט אין שולחן ערוך (או"ח סי' תכח, ס"ד), אַז מ'לייענט אייביג די פרשה פון 'אתם נצבים' פאַר ראש השנה, ווייל עס איז מרמז אויף ראש השנה, ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (פּחס, דף רלא.) אַז דאָס וואָרט 'היום' מיינט ראש השנה. ראש השנה איז מרומז און אויסגעקריצט אין דעם פריערדיגן שבת. אַלעס פאַנגט זיך שוין אָן דעם שבת, און דער מענטש וואָס האָט שכל, דאַרף זעהן אויסצונוצן דעם געהויבענעם שבת ווי ס'דאַרף צו זיין[כד].

**אויך** ווערט געברענגט ('אמרי פנחס', אות תמב), אַז הרה"ק רבי פּנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט געזאָגט, אַז ביי שלש סעודות ווערט נגזר ווי אַזוי מ'זאָל זיך פירן מיט'ן מענטש במשך פון די גאַנצע קומענדיגע וואָך[כה].

**מיר** האָפן און מיר זענען מתפלל, אבינו מלכינו, הנשמה לך והגוף פעלך חוסה על עמלך[כו], אויך

---

**כד.** דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע, זאָגט (פ' נצבים, ד"ה 'הכל'), 'הכל הולך אחר החתום', אַז חודש אלול איז אין דער בחינה פון 'ערב שבת', און חודש תשרי איז אין דער בחינה פון 'שבת', ווי אונזערע הייליגע רבי'ס זי"ע האָבן געזאָגט, אַז די גאַנצע השפעה וואָס קומט אַראָפּ פון דעם הייליגן שבת'דיגן טאָג צו די וואָכעדיגע טעג, איז פון 'תוספת שבת', דורך דעם וואָס אַ איד טוט מוסיף זיין מחול על הקודש, ווייל די קדושה פון שבת אַליין איז גאָר גרויס, און **אַזוי איז די השפעה און ברכה אויפ'ן גאַנצן יאָר, פון דעם וואָס מ'איז מוסיף צו טוהן תשובה און מעשים טובים פון אלול אויף תשרי.**

אַזוי האָט געזאָגט הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זי"ע פון אלכסנדר (נו"י סוף אות א), אין נאָמען פון פריערדיגע צדיקים, אַז פּונקט אַזוי ווי אַ שטעקן, ווען מ'הייבט עס אויף אַפילו נאָר ביים עק, הייבט זיך אויף דער גאַנצער שטעקן, דאָס זעלבע איז מיט'ן שבת ביים סוף פונעם יאָר, **דורך דעם וואָס דער מענטש הייבט זיך אויף אין דעם שבת און ער דערנענטערט זיך צו דעם באַשעפער, הייבט ער דערמיט אויף דאָס גאַנצע יאָר, עס איבערצודרייען לטובה ולברכה.**

**כה.** הרה"ק רבי פּנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט אויך געזאָגט, אַז צוליב דעם ווערט שלש סעודות אָנגערופן 'סעודתא דזעיר אנפין', ווייל דער מענטש דאַרף זיך האַלטן קליין, און הרה"ק רבי שמעריל (וואַרכיווקער) ז"ל האָט צוגעגעבן, אַז איין זאַך ווענדעט זיך אינעם אַנדערן. אין דער צייט פון שלש סעודות, קען מען בעטן אויף שפלות, און וועגן דעם דאַרף מען ביי שלש סעודות אין דעם שבת פאַר ראש השנה, מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען, אַז מ'זאָל זוכה זיין צו האָבן הכנעה און שפלות אין ראש השנה. [ווייל די גמרא זאָגט דאָך (ר"ה כו:) אַז אין ראש השנה, וואָס מער דער מענטש בייגט זיך אין זיין מחשבה, איז עס בעסער פאַר איהם].

**כו.** אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן ביים אָנהייב פון די סליחות, 'הנשמה לך והגוף פעלך, חוסה על עמלך'. זאָגט דער דובנער מגיד זצ"ל ('משלי יעקב', פ' וילך, אות תלב) אַ כוונה אין די ווערטער, מיט אַ משל, איינער וואָס זיין ברודער איז לײדער אַוועק יונג ל"ע, און האָט איבערגעלאָזט אַ קליין קינד אַלס יתום. דער ברודער האָט רחמנות

דער 'אחרית שנה' זאָל זיין לטובה ולברכה[כז], און שוין פון יעצט, זאָל מקוים ווערן 'תכלה שנה וקללותיה תחל שנה וברכותיה', און אַלע אידן זאָלן זוכה זיין צו אַ כתיבה וחתימה טובה, אמן.

---

געהאַט אויפ'ן קליינעם קינד וואָס איז איבערגעבליבן פונעם ברודער, און ער האָט אים אויפגעצויגן ווי אַן אייגן קינד. ער האָט אַריינגעלייגט אין אים גרויסע כוחות, צוליב זיין גרויסע ליבשאַפט צו אים.

דאָס קינד איז אויפגעוואַקסן און איז שוין געשטאַנען אין שידוכים, און אין דער זעלבער צייט, האָט דער פעטער (וואָס האָט אים אויפגעצויגן) אויך געהאַט אַ טאָכטער אין שידוכים, און די שדכנים האָבן אָנגעטראָגן דעם בחור פאַר דער טאָכטער פון זיין פעטער וועלכער האָט אים ערצויגן. דער פעטער האָט מסכים געווען, זאָגנדיג, 'טוב תתי אותה לך, מתתי אותה לאיש אחר'. אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה, אָבער, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ס'איז נישט אַ 'געלונגענער שידוך', ווי מ'זאָגט, און דער מאַן פירט זיך נישט אויף צו איר ווי מ'דאַרף. ווען ס'איז שוין געקומען צו אַ מצב פון 'באו מים עד נפש', האָט זי גענומען אירע זאַכן און איז צוריקגעקומען אַהיים צו אירע עלטערן.

איז דער יונגערמאַן געגאַנגען אַהיים צום פעטער וואָס האָט אים אויפגעצויגן, און אָנגעקלאַפּט אויפ'ן טיר, אָבער 'אין קול ואין עונה'... דער פעטער, זיין יעצטיגער 'שווער', איז נישט אינטערעסירט אים אָנצוקוקן, צוליב זיין ווייטאג און אויפברויז איבער זיין אויפפירונג צו זיין טאָכטער. ער האָט אָבער ווייטער געקלאַפּט אויפ'ן טיר, און אַריינגעשריגן פונדרויסן פון דער פאַרמאַכטער טיר: טייערע ליבער פעטער, דו ביסט טאַקע אין כעס אויף מיר מיט רעכט, וויל זי איז דאָך דיין טאָכטער, אָבער איך בעט דיך, פאַרגעס נישט, אַז אויסער דעם, ביזטו דאָך אויך מיין פעטער...

דאָס זעלבע קומען מיר צום באַשעפער און מיר בעטן רחמים ותחנונים. דער 'גוף' האָט טאַקע געמאַכט זינדיגן די נשמה וואָס איז אַ 'חלק אלוקי ממעל'. מיר בעטן אָבער דעם אויבערשטען, ריכטיג טאָקע, אַז 'הנשמה לך', אָבער סוף כל סוף, איז דאָך 'הגוף פעלך', און ממילא, 'חוסה על עמלך'.

**כז.** אַזוי פלעגן די צדיקים פון אַמשינאָוו זי"ע ווינטשן, **אַ גוטן 'אחרית שנה'**, אַז אויך דער 'אחרית שנה' זאָל זיין גוט...

# 'הכל הולך אחר החתום'

הגה"צ רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, משגיח פון דער ישיבה 'חידושי הרי"ם' אין תל אביב, האָט דערציילט, אַז ס'זענען געווען צוויי שותפים וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ גרויסע פאַבריק צו פּראָדוצירן קליידער. אין אַ טאָג האָט דאָרט אויסגעבראָכן אַ שריפה ל"ע און האָט פאַרוואַנדלט אַלע מאַשינען מיט די קליידער אין אַש. ס'איז גאָרנישט איבערגעבליבן, נאָר עטליכע אָפּגעברענטע קליידער, 'למחצה, לשליש ולרביע'. איינער פון די שותפים האָט זיך מייאש געווען פון אַלעם, און איז אַהיימגעגאַנגען בעירום ובחוסר כל. דער צווייטער שותף, אָבער, האָט זיך געשטאַרקט און איז אַריינגעגאַנגען אין די הויפּענס אַש, און פון דאָרט אַרויסגעראַטעוועט וואָס ער האָט געקענט ראַטעווען. ער האָט גענומען די אָפּגעראַטעוועטע קליידער, און זיי צעשניטן אויף שטיקלעך און עס אָפּגערייניגט פונעם אַש, און עס פאַרקויפט פאַר געציילטע פּרוטות, און אַזוי האָט ער געהאַט כאָטש עפּעס צום לעבן, אין דער צייט ווען דער צווייטער שותף איז נעבעך געבליבן ווייטער אין זיין הונגער.

האָט רבי גד'ל גזאָגט, דער חילוק צווישן די צוויי שותפים איז, אַז דער צווייטער האָט ליב געלט, און ממילא, וואָס מער ער קען פאַרדינען, אַפילו אַ קליינע סומע, באַמיט ער זיך צו פאַרדינען, אָבער דער ערשטער האָט נישט ליב סתם געלט, נאָר רייכטום. ער האַלט אַז ער 'מוז' זיין רייך, און ממילא, ווען ער האָט געזען אַז ער האָט פאַרלוירן זיין רייכטום, וויל ער שוין גאָרנישט.

און רבי גד'ל האָט אויסגעפירט, ס'זענען דאָ צוויי סאָרט מענטשן. איינער פאַלט אַמאָל אַריין אין דער נעץ פונעם יצר הרע, איז ער זיך שוין אינגאַנצן מייאש און ער זאָגט, שוין, איך האָב נישט קיין שייכות מיט תורה און עבודת השי"ת. עס האָט נישט מיט מיר... ווייל דער דאָזיגער מענטש האָט נישט ליב צו מאַכן אַ נחת רוח פאַר זיין באַשעפער, נאָר ער זוכט צו זיין אַ 'בעל מדריגה' (ווי מ'פלעגט זאָגן אין סלאָנים, אַז ס'איז דאָ אַ שרעקליכע קליפּה וואָס הייסט 'אָדער גאָר, אָדער גאָרנישט'...), און אַז ער איז אַדורכגעפאַלן, דאַכט זיך אים אַז ער קען שוין גאָרנישט אויפטוהן, אָבער אַ צווייטער, וואָס האָט ליב דעם אויבערשטען און זיין תורה, איז אויך אויב ער איז אַדורכגעפאַלן מיט נאַרישקייטן, ערוועקט ער זיך באַלד און הייבט זיך אויף פונעם שטויב, און ער זאָגט, ריכטיג טאַקע, איך האָב געהאַט אַסאַך שאָדענס ביז יעצט, אָבער **פון יעצט און ווייטער** וועל איך צוריקגיין צו מיינע לימודים און עבודת ה', און זען צו ראַטעווען וואָס איך קען. אַזוי וועט ער צום סוף אָנקומען צו אַ מדריגה וואָס פּאַסט פאַר אים.

לענינו, מיר שטייען יעצט ביים סוף פון חודש אלול, און אפגעזען וויאזוי מיר זעען אויס און וואס אונזער מצב איז, אבער לכל הפחות לאמיר זיך משתדל זיין אַז די לעצטע טעג פון חודש אלול זאָלן נישט אַדורכגיין ליידיג, ווייל מיר ווייסן דאָך אז 'הכל הולך אחר החתום'. דעריבער נעמען מיר זיך פאָר, **'פון יעצט און ווייטער'** וועלן מיר זיך פארבעסערן, און אזוי וועלן מיר זוכה זיין צו פארשריבן ווערן בספרן של צדיקים, לאלתר לחיים טובים ולשלום.